STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06139

MATONES

Sarah Barkan-Silverman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מתנות

לידער און באַלאַדעס

פון

שרה באַרקאַן־זילבערמאַן

אַרויסגעגעבן פונעם ניו־דזשוירזי אָפּטייל פון
אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן
1946

פֿונעם זעלבן אויטאָר:

„גוט־פֿרילינג“, לידער־זאַמלונג, ניו יאָרק, 1936.

Copyright by Sara Barkan, 1946
Maplewood, N. J.

209

PRINTED IN U.S.A.

איך ווידמע מיין בוך מיין מוטער

חנה ווילענץ־באַרקאַן

איך קען ניט געפינען די פּאַסנדיקע
ווערטער אויסצודריקן מיינע געפילן
און דאַנק צו דעם ליבן חבר און לערער
י. ב. ביילין, וועלכער האָט
מיט אַזוי פיל איבערגעבנהייט רעדאַק־
טירט מיין בוך.

שרה באַרקאַן

חברים

די חברים, וואָס גיבן אַרויס מיין בוך, אַ מתנה

איך לאָז זיך אין וועג, דורך קעלט און געוויטער,
עס יאָגט מיך דער שטורעם, איך גיי און איך ציטער.
איך בין אין דעם שטורעם אַ שטיקל פּאַפּיר,
מיר דאַכט, אַז די וועלט האָט פאַרגעסן אָן מיר.
פּלוצלונג האָט איינער מיין שטימע דערקענט:
איך פיל אויף מיין פּלייצע אַ חבר׳ס צוויי הענט.

איך שטיי ביי אַ גראָבן און קען ניט אַריבער —
אַ שטיין אויף אַ שטיין, און גריבער, און גריבער;
אַ וואָרעם האַרץ דאַרף איך איצט האָבן —
איך וואַרט אויף אַ האַנט פון יענער זייט גראָבן...
קומען חברים אין איין אויגנבליק
און לייגן פאַר מיר אויפן גראָבן אַ בריק...

לאָז איך זיך גיין, אָן מורא, אין גאַנג,
און כ׳גרייט אויפן וועג פאַר חברים געזאַנג;
איך וועל שוין די האַנט פון זיך ניט אָפּלאָזן,
וואָס האָט מיך אַליין אין וועג ניט פאַרלאָזן.
און גליקלעך בין איך, ווי אַ וואַלד אַ צעגרינטער —
יונג ווערט מיין פּען און פול ווערט מיין טינטער!

מלחמה־לידער

כ׳בין אַ קינד פון מיין פאָלק

מיט בלוט און מיט טרערן גראַמט היינט מיין גראַם,
איך הער דאָס געבעט, דאָס געוויין פון מיין שטאַם.
מע שעכט מיינע ברידער — ניט גוט מיר, ניט גוט,
טונק איך מיין פעדער אין מיין אייגענעם בלוט.

ווי נאָענט עס ווערט מיר מיין זיידע, די שול —
דער פּאָדעם, וואָס ציט זיך פון גאָלדענעם שפּול;
גרייז־גרויע אידן, פאַרמאַטערט, פאַרצערט —
די שטים פון מיין זיידן דורך זיי כ׳האָב דערהערט.

פאַר אויגן עס שטייט מיר דאָס אידישע קינד
מיטן בייכל צעשניטן, מיט אייגעלעך בלינד.
עס לויערט אויף אונז דער תליון, דער הונט,
דערטרינקט אונזער שיף ביזן בלוטיקן גרונט.

ווען פעלקער איצט שטאַרבן, פאַר רעכט אויף דער ערד,
מוז אויך אונזער שטים איצט ווערן דערהערט.
צוזאַמען, צוזאַמען, ווי אַ רינג אין איין קייט,
צו הילף און צום קאַמף אַנטשלאָסן, געגרייט.

איז אידן מיט אידן, פון דאָרט און פון דאָ, —
שמידט אונזער קאַמף אין דער פלאַמיקער שעה,
אין טרויער און תענית, אין קאַמף און אין ליידן,
צוזאַמען מיר וועלן נאָך יובלען אין פריידן.

ווען פרידן און ליבע וועט קושן די ערד
און מיין אידישן פאָלק וועט אויך גליק זיין באַשערט,
און נאַצי וועט מער שוין ניט שעכטן מיין שטאַם,
וועל׳ך מיט טרערן און בלוט מער ניט גראַמען מיין גראַם.

גוטליכטיג אייך, איר לאָמפּן!

צום אָנצינדן פון אַלע לאָמפּן

זייט געגריסט, פאַרשעמטע,
אומעטיגע לאָמפּן —
איר זייט ביז איצט געשטאַנען
ווי די בלינדע גלאָמפּן.

פון די פּיצלעך געסלעך
ביז די ברעגן ים׳ען,
זאָלן זיך צעלאַכן
מיליאָנען בונטע פלאַמען —

אַ סוף זאָל זיין צום חושך,
און צו אַלע זינדן,
איבער ערד און הימל
זאָל זיך פרייד צעצינדן!

אַרונטער פון די אויגן
ברודיגע פאָרהאַנגען,
וויגט זיך, וויגט, אַ שטראַלן,
ווי אויף פעלדער זאַנגען!

זאָל עס זיין דער אָנהויב,
דער סוף צו בלוט און טרערן;
זאָל די וועלט דאָס ליד
פון ליכט און שיין דערהערן.

הויבט אָן פון היינט באַלייכטן —
אַלע, אַלע וועגן,
מ׳זאָל קענען גיין צו זין
און טאַטעס באַלד אַנטקעגן.

אויף אייביק, אָ, אויף אייביק,
ר׳זאָלט פון איצט אָן ברענען,
און לייכט, אַז פֿאָלק מיט פֿעלקער
זאָלן זיך דערקענען!

גוטליכטיג אייך, גוטליכטיג
אייך, מיליאָנען לאָמפּן;
איר דאַרפֿט שוין מער ניט גלאָצן,
ווי פֿאַרוויינטע גלאָמפּן.

צו אַ יתום

איך הער דיין געוויין פון יענער זייט ים,
און זע דיינע אויגן דורך רויך און דורך פלאַם.
דו שטייסט ביי מיין טיש ווען איך שנייד אָפּ מיין ברויט
און ציטערסט פון קעלט, ווען איך טו אָן מיין קלייד.

ווי קאָן איך פֿאַרגעסן, איך מוז דיך דאָך זען: —
איך בין אויך אַ פּיצל יתומה געווען,
געלעגן אין בעט און געזויגן מיין האַנט,
געלעקט דעם שניי פון פֿאַרפֿראָרענער וואַנט.

איך שטיי איצט און שנייד אַ פרישינקן ברויט: —
און שווער ביי דער זון, וואָס ס׳איז זומערדיק רויט,
אַז מיין ביסן אין האַלז זאָל בלייבן מיר שטיין,
אויב איך הער ניט אין זידן פון טאָפּ דיין געוויין!

איך בייס מיינע ליפּן, דו ווערסט מיר מיין קינד.
מיך שרעקן דיינע אויגן, אָ, ווײ איז מיר, ווינד.
דו לאָזט מיך ניט שלאָפֿן, דו רייסט מיך פון בעט,
איך מוז דיר היינט העלפֿן, נאָך איידער ס׳איז שפּעט!

אַ כלה צו איר חופּה־קלייד

ניט באַוויין מיך, חופּה־קלייד,
ניט קוק אויף מיר מיט טרויער:
פאַרשלאָסן איז איצט אונזער פרייד,
פאַרקליידט אין שוואַרצן שלייער.

אָ, קלייד, מיין קלייד, ווייס ווי שניי,
מיט לאַנגע אַרבל לערע —
זיי ניט אומעטיג אַזוי
דורך מיינע טעג די שווערע.

ברוין מוז איצט זיין מיין מונדיר,
איך גיי דעם שונא שלאָגן,
כדי אַמאָל דערפרייען דיר,
און כ׳זאָל דיך קאָנען טראָגן.

עס וועט נאָך טאָן אַ פּראַל די טיר:
ווען זיגרייך ער וועט קומען.
האַלטן וועט ער מיר און דיר
שטאַרק אַרומגענומען.

איך און ער, און דו, מיין קלייד,
און כלות נאָך מיליאָנען.
יובלען וועט מיט אונז די פרייד
אונטער דאַך פון פאָנען...

קומען וועט נאָך זיג און פרייד
פאַר גאָר דער וועלט, פאַר אַלע, אַלע;
נאָר איצט ביסטו, מלחמה־קלייד,
און איך — אַ מלחמה־כלה.

שטריקן, שטריקן ביזן העלן אינדערפרי

געווידמעט די פרויען פון די אָרדן־קלובן

ציִ, ציִ, ציִ דעם לאַנגן פאָדעם
פון דעם אָנהויב ביזן ענד.
סוועטערס, הענטשקעס און אויך זאָקן,
געשטריקט פון ליבע מאַמע־הענט.

מאַך דעם קנויל וואָס קלענער, קלענער,
בינד פאַנאַנדער יעדן קנופּ, —
שטעל די פלייצעס אונטער, שוועסטער,
דעם שווערן וואָגן — שטופּ און שטופּ.

יעדער סוועטער וועט דערקוויקן
אַ רויטן זעלנערס מידן לייב —
און טאָקע העלפן אים דערלעבן
זען זיין מאַמע, קינד און ווייב.

יונג און אַלט שטריקן, שטריקן,
ביז אין הימל שטערן צאַנקען.
און איך וואַנדער מיט מיין פעדער
און לייען יעדערערס געדאַנקען.

אַלטע מאַמעס מורמלען תפילות,
ברכות אין די סוועטערס פלעכטן,
ווינטשן אָן דעם רויט־אַרמייער, —
געווינען זאָל דעם קאַמף גערעכטן!

אָ, מיין חבר׳טע, דו שטריקסט...
דורך דער הענטשקע בעת דו דריקסט,
דעם רויטן זעלנערס האַנט דערפילסט,
מיט וויכן וואָל זיין לייב דערקוויקסט.

ס׳וועט דיין טרייטשאַפט זיכער געבן
רויטן זעלנער פרייד און מוט,
און לאָמיר האָפן, אַז דיין סוועטער
וועט ניט באַפלעקט ווערן מיט בלוט.

זיי געגריסט און נעם מיין ברכה,
געבענטשט זאָל זיין דיין טרייע מי.
אַ ניט צערייס דעם רויטן פאָדעם
ביז דעם העלן אינדערפרי.

מיין שכנה די גאָלדענע סטאַר־מאַמע

ווען מוטערס־טאָג קומט, פאַרשפאַרט זי די טירן
און הייבט אָן צו גלעטן אַ גאָלדענעם שטערן;
זי עפנט אַ קופערט, מיט אָנדענקונגס־זאַכן;
זי נעמט זיי אַרויס און וואַשט זיי מיט טרערן.

פון ב י ל ׳ ן אַ ציגאַרעט־קעסטל פאַרבליבן,
פון ט אַ מ ׳ ן אַ ברוינער צעשאָסענער שטיוול.
אין ציגאַרעט־קעסטל האַלט זי באַהאַלטן
פון ט ע ד ׳ ן — איר אינגסטן — אַן איינציקן בריוול.

זי לייענט, און לייענט, און טוליעט דאָס בריוול,
דאָס קעסטעלע שמעקט זי, און קושט אויס די שטיוול.
די שליידערט אָן דר׳ערד דעם גאָלדענעם שטערן
און וויקלט אין זייד דאָס איינציקע בריוול.

כ׳וועל קומען זי טרייסטן — זי וועט זיצן און הערן...
פאַרוואונדעט וועט ווערן מיין האַרץ, מיין נשמה...
פון איר צער, פון מיין צער, אַ שווערד וועל איך מאַכן,
וואָס׳ט מאַכן אַ סוף צו אָנגריף־מלחמה!

מ י י ן ט אָ ג

(אויף מאָרגן נאָך „מאָדהער׳ס דעי״)

ניין, ס׳איז מ י י ן ט אָ ג נאָך ניט געקומען,
כאָטש מתנות, קינדער, האָט איר מיר געבראַכט.
ווי קומען איצט צו מיר בוקעטן בלומען,
אַז כ׳וויק מיין קישן דורך אַ גאַנצע נאַכט?

ווען שיפן פולווער דעקן צו די ים׳ען
און באָמבעס פון די הימלען זיינען די „מתנות״?
ס׳ווערט דער טאָג אַ טרערן־טאָג פאַר מאַמעס
ווען טעכטער ווערן יונגינקע אלמנות.

אַ, צערייס זיך שנירל פון די ליגנערשע קאַרעלן,
באַהאַלט זיך צוריק אין דר׳ערד, דו בלום און בלימל!
מיט ביקסן וויל מען איצט די זון פאַרשטעלן,
מיט רויך און שטויב צודעקן דעם הימל.

ניין, קינדער מיינע, ס׳איז מיין טאָג נאָך ניט געקומען.
ער וועקט זיך ערשט אין מזרח מיט נייער העלער גבורה:
איך וואַרט אויף אַ מאַמעס טאָג, ווי אַ הונגעריקער גומען
און ווי אַ מידער דיכטער אויף זיין לעצטער שורה...

פון פרעה׳ס רוט ביז היטלערס בייטש

פון פרעה׳ס רוט ביז היטלערס בייטש
מיר לעבן נאָך, מיר זיינען דאָ,
און וועלן אויך נאָך לעבן דאַן,
ווען ס׳וועט קליגגען היטלערס שעה...

אין ים׳ען בלוט און טייכן טרערן
האָבן מיר געוואַשן אונז׳רע וואונדן;
מיר האָבן אונזער גרויסן צער
מיטן צער פון גאַנצער וועלט פאַרבונדן.

מיט ביקס אין האַנט, מיט ברוסט פאָראויס,
אין יעטווידער מדינה;
פאַר יו־עס־עי, פאַר סאָוועטן־לאַנד,
פאַר ענגלאַנד און פאַר כינע.

דער טלית־איד, דער קאָמוניסט —
מיר שטייען האַנט אין האַנט;
באַזונדער איז דער קאַמף אומזיסט,
צוזאַמען — אַן אייזערנע וואַנט!

אַ געזעגן־ליד

זון:

ווייַן ניט, מאַמע, זיפֿץ ניט, מאַמע,
ווען איך בין ניט דאָ;
פֿריילעך מאַך אין יעדן ווינקל
אין דער שווערער שעה.

מאַמע:

ניין, מיין זון, איך וועל ניט וויינען —
קלאָגן קלאָגט אַ טרוס;
עס וועט פֿלאַמען ביי דיין מאַמען
אויף איר באַק דיין קוש.

זון:

וועל איך שטאַרבן, ערד באַפּאַרבן
מיט מיין יונגן בלוט;
האָסט מיר בראַוו צו זיין געלערנט —
איצט איז די מינוט.

מאַמע:

ווי זשע קאָן אַ מאַמע דולדן
אומעט אין געצעלט,
ווען איר קינד איז גרייט צו שטאַרבן
פֿאַר אַ נייער וועלט?

זון:

אָט אַזוי, מיין ליבע מאַמע,
עך, ביזטו אַ העלד!
ס'וועט מיר גרינגער זיין צו קעמפֿן
פֿאַר אַ נייער וועלט.

מאַמע:

איז פֿאַר געזונט, און קום געזונט,
ברענג אונז פֿרידן, זיג;
מאַך אַ סוף צו האַס און בלוט,
און מאַך אַ סוף צו קריג!

בלוט

(אַ פּאָרטרעט)

אויפן דאָקטערס טיש גלייך אויסגעצויגן,
ווייס געקליידט, פאַרמאַכט די אויגן,
ליגט מיין טאָכטער פול מיט מוט —
פאַר איר לאַנד זי גיט איר בלוט.

עס שטעקט אין איר האַנט אַ שאַרפער שטיפט;
אין בלוט אין גלאָז עס טריפט און טריפט.
יעדן טריף זי פילט און הערט,
זי ליגט אַזוי זיך שטיל פאַרקלערט.

זי זעט אַ שטאַרבנדיקן העלד
אין אַ לאַנד־וואו אויף אַ פעלד.
די ערד אַרום איז רויט באַפאַרבט...
נאָך אַ רגע און ער שטאַרבט.

און ערגעץ וואַרט אַ ווייב און קינד:
זיי ווייגען אויגן אויס ביז בלינד.
און דאָ עס רינט זיין בלוט און רינט, —
עס יאָמערט בלויז זיין קלאָג דער ווינט.

און פלוצלונג ברענגט מען אים איר בלוט.
עס קומט אָן אַ נייע כוואַליע מוט...
זי פילט ניט מער דעם שמערץ פון שטאָך:
זאָל עס טריפן — נאָך און נאָך...

זי פילט איר בלוט עס פליסט דורך אים —
ער דריקט איר האַנט, זי הערט זיין שטים.
אויך זי, זי פילט, איז אַ סאָלדאַט,
וואָס דינט דאָס לאַנד מיט בלוט און טאַט.

זי זעט דעם וואונדער פון באַשאַף:
עס גיט איר בלוט דעם העלד די קראַפט
צו ראַנגלען זיך און בלייבן לעבן
און נאָך אַ לעבן גרייט זיין געבן!

שטעלט זי ווידער אויס איר האַנט
פאַר דער וועלט און פאַר איר לאַנד.
עס רינט איר וואַרעם בלוט און רינט,
ווי אַ זעלנער, טריי זי דינט.

אַט ווערט זי שוואַך, אַט ווערט זי בלאַס...
נאָר זי מאַכט פון דעם אַ שפּאַס.
איין מאָל, צוויי מאָל, ביז פיר מאָל:
מ׳קען שוין דאָ זי אין שפּיטאָל.

און גליקלעך, שטאָלץ בין איך, איר מאַ,
וואָס כ׳האָב אַ טעכטערל אַזאַ;
איך פיל דערהויבן און באַערט,
ווייל איר בלוט צו מיר געהערט.

לעבן פענצטער

לעבן פענצטער זיצן מאַמעס,
טעג און שעה׳ן לאַנג...
מעג דער „מעילמאַן״ מיילן ווייט זיין —
פילן זיי זיין גאַנג.

הערצער שפּרינגען פון די בוזעמס,
אויגן ווערן גרויס;
ביי די טירן, ביי די שוועלן,
שטעלן זיי זיך אויס.

האַלטן אָנגעשטעלט דעם אויער
צום סקריפּ פון זײַנע שיך.
אויגן בעטן, ליפּן רופן:
מעילמאַן, קום שוין גיך!

בלײַבט ער ערגעץ שטיין אַ רגע,
ווערט פון איר אַ שעה;
בײַסט מען פינגער, צופּט מען פאַרטעך —
ווערט מען אַלט און גראָ...

קומט ער אָן מיט בריוו און פּעקלעך,
פאַרהאַלט מען אים אין וועג;
יעדע מאַמע קוקט אין זעקל,
רירט כאַטש אָן אַ ברעג...

ווי אַ טאַטע — ער אין מיטן,
דינען איז געגרייט;
אײַנע ציטערט, אײַנע וויינט שוין,
אײַנע ווערט דערפרייט.

און דער מעילמאַן, אַ פאַרקלעמטער,
שטייט פאַרשעמט, פאַרטראַכט —
אים ווײַזט זיך אויס, אַז ער איז שולדיק,
ער׳ט ווייניק בריוו געבראַכט!

נעמט ער טרייסטן: וויינט ניט, מאַמעס,
אַ בריוול איז אין וועג;
בעט בײַ גאָט און וואַרט געדולדיק —
ס׳קומען נײַע טעג.

גייען מאַמעס זיך פאַנאַנדער,
שטיל עס ווערט אין גאַס;
מ׳זעצט זיך ווידער בײַ די פענצטער
אומעטיק און בלאַס...

מיר האָבן אייער צער מיט אונזער בלוט פאַרבונדן

גטווידמעט דעם עמאַ לאַזאַרוס קלוב אין נוואַרק

איר וואַלגערט זיך,
ווי די אָפּגעהאַקטע שפּענער,
מאַמע׳ס קינדערלעך —
איינער פונ׳ם צווייטן קלענער.

אין פעלד, אין וואַלד —
לעבן אַלע בערגן ים׳ען,
ס׳האָט היטלער אויסגעשאָכטן
אייער טאַטן - מאַמען.

טראַנטעס - קליידער,
מיט אַ שטריק פאַרבונדן;
עס ברענען אייערע
ניט-פאַרהיילטע וואונדן.

אויגן אויסגעלאָשן —
קערפּערלעך סקעלעטן —
צו אונז די הענט געווענדט,
איר הערט ניט אויף צו בעטן.

און מיר — זיצן דאָ,
ביי דעם טיש דעם זאַטן.
אונזער קינד, עס האָט
אַ מאַמען און אַ טאַטן.

ניין, מיר ווען, קינדער,
אָן אייך דאָ ניט פאַרגעסן.
מיר זעען אייך ביים שלאָפן גיין,
מיר זעען אייך ביים עסן.

אייער הונגער־טרער
שווימט אַרום אין אונזער טעפּל,
און מיט מאַמע ־ ליבשאַפט
מיר גלעטן אייער קעפּל.

אייער וויטיקדיקער פייער
אין אונז האָט זיך צעצונדן;
מיר האָבן אייער צער
מיט אונזער רו פאַרבונדן.

געליבטע און מאַמעס און מיין בריוו־טרעגער טאָמאַס

ווייט איז נאָך טאָמאַס
פון גאַס צען קוואַרטאַלן.
אים דערשפּירן שוין מאַמעס,
ווי ערד פילט די שטראַלן.

לעבן טירן, לעבן טויערן,
מ׳וואַרט און מ׳היט:
פאַרשפּיצט זייערע אויערן,
און מ׳שמעקט זיינע טריט.

איין שטילע נשמה —
דער שטאָלץ פון די שכנים —
זי האָט אין מלחמה
דריי זין און ביט איינעם.

און אָט איז אַ צווייטע,
טראָגט אין לאָקן אַ שלייפעלע.
אַ פריילעכע שטייט זי,
גלעט אין בויך זיך איר עופה׳לע...

זי שמייכלט און וואַרט:
שפּאַצירט הין און הער,
איר פּנים איז צאַרט,
איר געמיט אַזוי שווער.

זי ווייזט עס ניט קיינעם,
נאָר טרייסט אַלע מאַמעס,
און וואַרט מיט די שכנים
אויפן בריוו־טרעגער טאַמאַס.

ווי אויף טאָג וואַרט אַ וועכטער,
פּאַרט אַ דייטשקע אַ פּאַרקלעמטע.
ס׳איז אַ לאַנדסמאַן, דער שעכטער,
שטייט זי אַ פאַרשעמטע.

זי רעדט ניט צו קיינעם,
שטייט אַליין לעבן טיר.
איר דאַכט, אַז די שכנים
ריידן וועגן איר.

אַ שעה נאָך אַ שעה
וואַרטן פרויען מאַמעס.
און אָט איז שוין דאָ
מיין בריוו־טרעגער טאַמאַס.

מ׳שלינגט איין די טרערן,
מ׳פאַרלויפט אים זיין טראָט;
ס׳טוט דער בריוו־טרעגער ווערן
אַ ברודער צו גאָט.

ווי ליב און ווי טייער
ס׳ווערט דעם בריוו־טרעגער טאַם,
ווען ער ברענגט פון דעם פייער
„אַ בריוול דער מאַם“.

וועז אַ בריוול ער האָט,
ווערט זיין האַרץ אים דערקוויקט,
איז מוזיק אין זיין טראָט,
ער׳ט אַ מוטער באַגליקט.

ווען ער האָט ניט קיין בריוול,
פילט ער זיך שולדיק;
פאַלט זיין בליק אויף די שטיוול,
שווייגט ער געדולדיק.

און טאם איז אַ גוטער,
און טאם איז אַ וואוילער,
און ער ווערט פאַר אַ מוטער
אַ וויצן־דערציילער.

ער נעמט איר דערציילן
פריילעכע זאַכן,
זיין וויץ נעמט היילן,
און די מאַמע נעמט לאַכן.

די מיט די בריוועלעך
אין שטוב לויפן פריידיק,
און די אָן די בריוועלעך —
פאַרקלעמט און באַליידיקט.

און טאם טרעט ניט אָפּ
און פילט אַזוי „סאָרי״,
און טרייסט זי: „לעט׳ס האָופּ
יו׳ל געט וואָן טומאַראָוו!״

זי און ער פאַר וועלט און לאַנד

(דעם רויטן קרייץ געווידמעט)

ווער̇מעס זון האַלט עס ביים שטאַרבן
מיט אַ טיפער לאָך אין יונגגן שאַרבן ?
צווישן פייער, רויך און פונקען —
וועמעס קינד איז דאָרט פאַרזונקען ?
ער האַלט זיין קאָפּ אַרומגענומען
און פרעגט : אָ, גאָט, ווער וועט דאָ קומען ?

די נאַכט איז שטום, שטערן צאַנקען,
טויטע פערד, טויטע טאַנקען —
עס פרירט זיין גוף, עס ברענט זיין גומען.
ער פרעגט : גאָט, ווער וועט שוין קומען ?

ער שלינגט זיין בלוט, וואָס רינט פון שטערן,
און מישט זיך אויס מיט הייסע טרערן.
עס קלאָגט די נאַכט, עס קרעכצט דער וואַלד :
אָט גייט עס אויס, אָט־אָט־באַלד.

פּלוצלונג ווערט אים עפּעס וואַרעם.
ער פילט אַ האַנט אויף קאַלטן אָרעם ;
ער הערט אַ ווייכע שטילע שטים,
מ׳הייבט אים אויף, מ׳לויפט מיט אים.

ס׳האָט ווער זיין קאָפּ אים אָפּגעווישט ;
מיט קאַלטן טרונק זיין מויל דערפרישט.
ער פילט אַ טיפן שטאָך אין גוף
און עפנט באַלד די אויגן אויף.

מ׳פליט מיט אים דורך באַרג, דורך טאָל;
אַ מאַמעס וואָרט, אַ צאַרטער קול.
מ׳לייגט אים אין אַ בעט אַריין —
צווי פרויען־הענט אים דעקן איין.

איר קאָפּ איז גרוי, ביים מויל אַ קנייטש,
אויף קלאָרן פאַרטוך רויטער קרייץ.
ס׳איז זי און ער — פאַר וועלט, פאַר לאַנד.
ער טראָגט צום מויל איר ווייכע האַנט.

זי טוט זיין באַק אַ צאַרטן ריר:
זיין גוטע מאַ — ער זעט אין איר.
זי זיצט און שרייבט אַ בריוו פאַר אים.
ווי זיסע האַרפן איז איר שטים —

שטאַרקער, שטאַרקער ווערט זיין גוף.
פון קראַנקן־בעט ער הייבט זיך אויף.
און ווידער גייען האַנט־אין־האַנט
זי און ער, פאַר וועלט, פאַר לאַנד.

לעבן מויל אַ מאַמעס קנייטש
און אויפן האַרץ דער רויטער קרייץ.
און ער פאַראויס, מיט ביקס אין האַנט,
זי און ער — פאַר וועלט, פאַר לאַנד!

דער טאַטע מיטן זון

שטייט דער טאַטע־וועטעראַן
און פּאַקט דעם זונס אַ טשעמאָדאַן.
מ׳נעמט דעם זון צו אין מלחמה,
לעשט זיך ביי אים די נשמה.

שטייט ער שטיל און איינגעבויגן,
ווערן פול ביי אים די אויגן...
אין זיין זון דערזעט ער זיך: —
אַ, ווי יאָרן לויפן גיך!

אַזוי איז ע ר אַמאָל געשטאַנען,
מיט די פולע טשעמאָדאַנען.
ניין, עס טאָר זיין זון ניט מיינען,
אַז דעם טאַטן ווילט זיך וויינען.

ער ווייס, ער טאָר זיך איצט ניט בייגן,
עס היט זיין זון דעם טאַטנס אויגן,
אָן ווערטער זיי דערציילן, ריידן,
אַז באַלד וועט מען זיך מוזן שיידן...

דאָס לעצטע מאָל אויף היים אַ קוק.
די טיר אין האַנט, דאָס מויל אַ צוק,
און דער טאַטע־וועטעראַן,
פירט אַוועק דעם זון צום באַן.

טרעטן ביידע זייט ביי זייט.
אַ, ווי קורץ עס ווערט די צייט.
האַלט מען שטאַרק דעם טשעמאָדאַן:
עס ווילט זיך ווייט זאָל זיין די באַן.

נאָר אָט איז באַן — ווי גיך געקומען!
טאַטעס, מאַמעס, טרערן, בלומען;
אַ, ווי שווער ס׳איז זיך צו שיידן, —
מ׳שווייגט, מ׳קאָן קיין וואָרט ניט ריידן.

הערסט, מיין זון, ווי באַנען קומען: —
האַלט מיך שטאַרק אַרומגענומען;
ניין, מ׳וועט אונז ניט צעשיידן: —
איך האָב אַזויפיל איצט צו ריידן.

מאַמעס כאַפּן זיך אַרום,
טאַטעס שטייען שטיל און שטום;
איין פאַרלאַנג און איין געוויין: —
כאָטש נאָך אַ ווייל צוזאַמען שטיין.

און די באַן, זי לויפט און יאָגט:
זי וויל ניט הערן, ווי מ׳קלאָגט;
רעדער קלאַפּן אויס אַ ליד: —
יונגע זעלנער זינגען מיד.

גייט דער וועטעראַן אַהיים,
ווי אונטער פּיס וואָלט ליגן ליים.
טרעט און טרעט דער וועטעראַן —
און וויגט די האַנט צום טאַקט פון שפּאַן.

לאַנגזאַם, שטיל און טיף פאַרטראַכט,
וועגן פייער, טויט און שלאַכט,
טרעט דער טאַטע-וועטעראַן,
אַליין אַהיים פון ווייטער באַן.

נעם מיך אַרום!

אַ בילד אין שפּיטאָל

צוריקגעבראַכט אים פֿונ׳ם שלאַכטפֿעלד,
לעבן אים זיין כלה שטייט;
אירע אויגן ליבע, פֿייכטע,
אָנגעפֿילט מיט צער און פֿרייד.

האַלט זי אים אַרומגענומען,
און ער שמייכלט ליב און שטום;
בעט זי — ליבסטער, קוש מיך שטאַרקער,
גיכער נעם מיך פֿעסט אַרום.

נאָר ער שמייכלט, אַזאַ בראַווער,
און זי האַלט אויסגעשטרעקט די הענט:
מיינט זי, אַז ער׳ט זי פֿאַרגעסן,
צי — ער האָט זי ניט דערקענט?

צי האָסטו, ליבסטער, אין דער וויטקייט
מיט אַ צווייטער זיך באַקאַנט,
וואָס איך שטיי דאָ אַ פֿאַרוויינטע
און דו גיסט מיר ניט דיין האַנט?

וויינט די כלה, קלאָגט די כלה,
ווי עס וויינט אין האַרבסט אַ בלום.
האַלט ער זי מיט זיינע אויגן,
נאָר ער נעמט זי ניט אַרום.

ווערט די קראַנקן־שוועסטער בראַווער:
זי גיט ד׳קאָלדרע אַ שלעפּ אַראָפּ;
עס פֿאַלט דאָס מיידל אויף איר חבר,
ווי עס פֿאַלט אַ שטיין אין קאָפּ.

גלייך דערזען, און אַלץ באַנומען,
זייער אומגליק שוין דערקענט: —
ער וואָלט זי שטאַרק אַרומגענומען,
ווען ער וואָלט נאָך האָבן זיינע הענט...

אַ מעשה צו דערציילן אין פריידן

ווילסט ווידער אַ מעשה, מיין אינגעלע, ליבער?
טאָ זעץ זיך און הער, און שלאָג מיר נים איבער.
די איצטיקע מעשה רוף איך אַן אַזוי:
היטלער פאַשיסט און די רויטע אַרמיי.

אין שאָטנס פון וועלדער, אין קעלערס באַהאַלטן,
זיינען מענטשן געלעגן, שאָטן־געשטאַלטן,
פאַראייניקט אין צווייפל סיי אידן, סיי קריסטן —
ביי גרענעצן לויערן היטלער־פאַשיסטן.
אויפן דאַך האָט דער טויט זיך צעהוליעט;
האָבן זיך אידן און קריסטן צוזאַמען געטוליעט...
איז ווי זיי ליגן אין טויט־שרעק אַזוי —

זיינען אַלטע געזעסן, געיאָמערט אין בערד:
היטלער וועט קומען, וועט ברענען די ערד.
ס'וועט קומען דער גזלן מיט שווערד אין זיין האַנט,
און טרייבן, אונז יאָגן פון לאַנד איבער לאַנד;
אונז זיידעס, אונז באָבעס פון אידישן שטאַם
יאָגן אויף שיפן, אויף הפקר אין ים...
און ווי זיי זיצן און וויינען אַזוי — — — —

זיינען ביכער געלעגן, דורך שויבן געקוקט.
ס'האָבן אותיות און ווערטער אין מורא געצוקט:

ס׳וועט היטלער באַלד קומען — וועט ברענגען די גאַס,
ס׳וועט דער גראַביאַן אונז מאַכן צו אַש —
אונז אידישע ביכער, אונז אידישער שטאָלץ,
וועט מען פאַרברענען ווי שייטלעך האָלץ...
קוקן און ציטערן ביכער אַזוי — — —

זיינען העלדן געזעסן אין תפיסות פאַרשפאַרט,
אויף זון און אויף פרייהייט געוואַרט און געוואַרט...
— העי, וועכטער, דו זאָג אונז, וואָס טוט זיך אין שטאָט?
— ס׳וועט היטלער באַלד קומען, — זאָגט וועכטער מיט שפּאָט.
מורמלען די העלדן ווי ביימער אין קעלט:
— ס׳וועט היטלער באַלד קומען, פאַרשפּילט אונזער וועלט.
געשמידטע אין קייטן איז זיי ביטער אַזוי — — —

זיינען פעלדער געשטאַנען פאַרטרויערט, פאַרדאַרט,
אויף אַקער, אויף זוימען, אויף פויער געוואַרט;
דער פויער וויל זייען און האָט ניט קיין ערד —
דער פריץ האָט פעלדער, און זוימען און פערד;
דאַרן די פעלדער, געהילטע אין גרויען,
ווי מאַמעס אָן קינדער, ווי אַלטינקע פרויען...
שטייען פעלדער און דאַרן פאַרטרויערט אַזוי —

איז אַ מאַמע געזעסן, ווי איך איצט מיט דיר,
האָלט אַ אינגל אַ קליינעם אין די אָרעמס ביי איר:
— ס׳וועט היטלער באַלד קומען — אוי וויי איז, און ווינד;
וואַשט די מאַמע מיט טרערן איר קינד.
ס׳האָט די מאַמע געקלערט: זי וועט גראָבן אַ גרוב,
זי וועט זיך באַהאַלטן דאָ אונטערן שטוב...
גראָבט זי און גראָבט שוין די גרוב דאָרט אַזוי —

באַווייזט זיך פון וויטן די רויטע אַרמיי!

און גלייך איז פון דאָך אַנטלאָפן דער טויט,
אידן און קריסטן באַפרייט און דערפרייט!

די אַלטינקע ווישן די אויגן זיך אויס,
די זעלנער די רויטע די הענט שטרעקן אויס.

עס לויכטן אויף ביכער, שטיל יעדעס בלאַט,
ווייל באַקאַנט זיינען ביכער דעם רויטן סאָלדאַט.

צעעפנט די טורמעס, צעריסן די קייטן,
אַ זוניקע וועלט האָט געגומען זיך שפּרייטן.

און ס׳האָט פויער געקראָגן אי זוימען, אי פערד,
דערנאָך האָבן טראַקטאָרס געאַקערט די ערד.

עס ווייגט מער ניט דאָס קינד און די מאַמע לאַכט —
די רויטע אַרמיי האָט זיי לעבן געבראַכט!

איך דערצייל דיר די מעשה בלויז אַזוי ווי איך קאָן,
ווייל דאָס שענסטע, מיין קינד, הייבט זיך ערשט אָן.

צו אַ דייטשער שכנה

ווען היטלער שליידערט אונז באַזונדער
און בויט צווישן אונז אַ וואַנט —
איצט, אין טעג פון שוואַרצן וואונדער:
הער מיין וואָרט, און נעם מיין האַנט.

זע, עס שפּילן זיך אונזערע קינדער,
זייער לאַכן — הער נאָר — הער:
דער תהום פון צער פּליסט ניט באַזונדער —
צוזאַמען פּליסט דאָרט יעדנס טרער.

ניט שפּאַן דיך איין אין היטלערס וואָגן,
אַ, שוועסטער, ווער ניט בלינדער פערד!
זע נאָר — זע, וואָס מיר פאַרמאָגן:
גאָלד און לעבן, זון און ערד!

טויט איז טויט — און ליבע — ליבע —
יעדנס האַרץ איז בלוטיק רויט;
איצט, אין טעג אין שווערע, טריבע:
קום, צעברעך מיט מיר מיין ברויט.

מיין קאַץ און מיין הונט

מיין קאַץ און מיין הונט,
זאָלן זיין מיר געזונט —
זיי לעבן זיך פריידלעך צוזאַמען;
מ׳קושט זיך אין קאָפּ,
מ׳היט זיך שטאַרק אָפּ,
אַזוי ווי אַ קינד מיט אַ מאַמען.

איך באַטראַכט זיי באַזונדער
און כ׳קוק אויפן וואונדער,
ווי אַ הונט מיט אַ קאַץ לעבן בשלום.
מיט הענט אויסגעשטעלט
רוף איך צו דער וועלט:
קומט, זעט אַ פאַרווירקלעכטן חלום!

איר פון האַרסט ווער קויט,
קוקט און ווערט רויט,
ווי אַ הונט מיט אַ קאַץ קענען שטימען.
קוקט אויף די צוויי
און לערנט פון זיי,
ווי צו זינגען אַ גאַר נייעם הימען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט
איך ליג און איך טראַכט —
די געדאַנקען שטראָמען און ברויזן;
ווען ווערט שוין מקוים
ישעיה׳ס נבואה,
אַז אַ וואָלף מיט אַ שעפּס וועלן הויזן!

ס׳פרייען זיך די מאַמעס

גוט יום־טוב דיר, מיין שכנה, לאָמיר זיך צעקושן!
באַלד וועט זיין אַ סוף צו טרערן און פאַרדרוסן.
עס שטומען שוין די באָמבערס, עס רוען די קאַנאָנען —
אויף גאָרער ערד די פעלקער וועלן זיך דערקאָנען.

באַלד וועלן אָנקומען מיין לייבל און דיין מאַיקל: —
ווידער וועט מען הערן אַ פידל און אַ פּייקל.
עס וועט זיי אַ מלחמה מער שוין ניט צעשיידן —
אַט לויף איך באַלד פאַרקנעטן אַ האָניג־טאָרט פאַרביידן.

זע, עס קומט די פרייד דורך טרערן, בלוט און פלאַמען!
קום אַרויס, מיין שכנה, פרייען זיך צוזאַמען!
לאָמיר גיין באַגראָבן אַלע שוואַרצע יאָרן —
אַ נייער, שיינער לעבן וועדט פאַר אונז געבאָרן.

ווי אַ וויסטער חלום פאַרגיין זאָל אונזער נעכטן,
האָרץ מיט האַרץ פאַרקניפּן, הענט און הענט פאַרפלעכטן:
צוזאַמען לאָמיר הייבן די ליבע פאָן פון פרידן.
קום, איך וועל דיר ווייזן ווי מ׳טאַנצט ביי אידן!

אַלע שולן רופן, אַלע גלאָקן קלינגען,
בלויע הימלען לאַכן, גראָע ימ׳ען זינגען.
לאָמיר זיך צעוויגן אין רונדע קאַראַהאָדן
און זאָל זיך אונזער ערד אין בלוט שוין מער ניט באָדן.

הערסט, די קלעפּ פון קנאַפּלען פון די זין, וואָס קומען?
אַ, האַלט מיך, ליבע שכנה, שטאַרק אַרומגענומען!
אויף דעם שונא׳ס קבר טאַנצן מיר צוזאַמען, —
לאָמיר זיך צעקושן, ווי אַ מאַמע מיט אַ מאַמען!

נאַטור־לידער

מיין קאַרשן־בוים
(אַ זומערדיק ליד)

אין רויזן־בליאונג אויסגעצירט
שטייט מיין קאַרשן־בוים אין וואונדער:
ער ווייס ניט וואָס עס האָט פּאַסירט:
וואו זיינען זיי די קינדער?

די צווייגן קוקן רונד אַרום,
זיי זוכן זין און טעכטער...
ס'איז אומעטיק אָן זיי, און שטום...
עס הילכט ניט קיין געלעכטער...

הימל איז בלוי און זון איז צונטער —
וויל דער בוים געלעכטער הערן;
פאַלן בלעטעלעך אַרונטער,
וויינט דער בוים מיט ראָזע טרערן.

אַ שטורעם קומט פון וייטע וועגן,
לייגט ער זיך אויף בוים אויסשלאָפן;
הייבט ביי אים דער בוים אָן פרעגן:
צי האָט ער קינדער וואו געטראָפן?

ענטפערט שטורעם: — בוים דו, ליבער,
מיט די שיינע ראָזע בלומען;
זין און טעכטער אין די גריבער —
אָט בין איך איצט פון שלאַכט געקומען.

וויל מיין בוים דעם ווינט ניט גלויבן,
וואַרט נאָך אַלץ אויף פריש געלעכטער,
קומען צופליען ווייסע טויבען
מיט גערוס פון זין און טעכטער.

גיט ער זיי זיין דאַנק דעם בעסטן,
שמייכלען בלעטלעך, שמייכלען בלומען;
לאָזט די טויבן בויען נעסטן,
מען וואַרט, אַז פרידן זאָל שוין קומען.

ביים ים

כאַ־כאַ־כאַ און כאַ־כאַ־כאַ!
לאַכן ווייסע ים׳ען.
כוואַליעס יונגע, ווייסע פערד, —
רייסן זיך פון צאַמען!

אַנגעפינטלט מענטש אויף ברעג!
מענגע פון מיליאָנען!
ס׳נעמט מיר נאָר אַ קלייניקייט,
מיט יעדן זיך באַקאָנען.

מיר טיילן זיך אַ קווינטל זאַלץ,
און וואַסער צו צען טראָפּנס,
שפּרייטן מיר איין ליילעך אויס,
פאַר פּופּציק — איין צוקאָפּנס.

גרינער ים אַ פידל ווערט,
סטרונעס — מענטשנס גלידער;
שפּילט אונז צו אַ ים־מוזיק,
וועב איך קלאַנג און לידער.

ליגן פּאָרלעך באַק־ביי־באַק.
יונגען קושן כלות.
ווערט שוואַנגערדיק דער ווייטער ים
מיט מיליאָנען כוואַליעס.

כאַפּט דער ים די קושן צו,
און כוואַליעס הייבן בעכערס,
און ווינטן פּאַכן — פּאַכענען —
מיט פּורפּור־גרינע פּעכערס.

טאָג פאַרגייט, דער אָוונט קומט,
כוואַליעס רוישיק שפּילן;
צירט זיך ים־ברעג, צירט זיך אויס
אין טונקל־גרויע ברילן.

און דער מענטש — ער לאַכט און לאַכט,
וויל מיט כוואַליעס זיך פאַרהערן.
באָדן זיך אין ים — די נאַכט,
לבנה, הימל, שטערן.

ביימער נאָך אַ רעגן

אויסגעבאָדן זיך אין רעגן,
ליכטיק־גרין און סאַמעט־גלאַנץ;
איינער אין דעם צווייטנס אָרעמס
טאַנצן אויס אַ הפקר־טאַנץ.

וויגן, וואַגן זיך און לאַכן:
עך, ווי גוט ס'איז זיי, ווי גוט!
אונטער הימלס בלויען שירעם,
אויף די קעפּ אַ גאָלדן הוט.

רעגן־טראָפּנס אויף די צווייגן,
ווי בריליאַנטענע קאַרעלן;
חנ'דלט זיך אַ בוים אַ יונגער,
וויל אַ צווייטן בוים געפעלן.

אַלטע ביימער, זיידעס, באָבעס,
ס׳קאָמען ביימעלעך די קעפּ;
און אַ קילער זומער־ווינטל
שפּילט זיך מיט די גרינע צעפּ.

לעצטע טראָפּנס זילבערנע
פליען אין דער לופט —
ביימער זינגען לידער אויס,
צו זיך אין וואַלד מ׳רופט!

צום ים אַ ליד

ניט צו וואַנדערדיקע שיפן
מיך רופט דער ים און ציט;
ס׳איז דאָס קליינע שיפעלע,
וואָס שווימט מיט מיינע טריט.

ניט די שפּראַך פון בייזע כוואַליעס
וויל איך דאָ פאַרשטיין:
איך ליב איין איינציק כוואַלעלע,
וואָס שפּילט זיך מיט אַ שטיין.

איך טראַכט ניט פון דעם טיפן ים
און פון זיין כוואַליע־קראַך.
איך ליב די גאָלדן־פליטערלעך
אויפן בלויען פלאַך.

און ווי שיין איז דאָ דער מענטש,
אויסגעקושט פון זון,
און די זון וואָס שווימט אַרום
ווי אַ קויל טשוגון.

איך פון אַלץ בין דאָ טייל
און פון אַלץ אַ גליד —
עפן ברייט מיין ברוסט און זינג
צו דעם ים אַ ליד.

אַ וויקטאָרי גאָרטן

צעשניטן ערד ווי ברוינע טאָרטן,
דאָ אַ גאָרטן, דאָרט אַ גאָרטן.
מ׳גראָבט די ערד ביז שפּעט פון פרי —
דעם גאָרטן רופט מען וויקטאָרי!

איטאַליענער, אידן, דייטשן,
מ׳גראָבט די ערד אָן צוואַנג, אָן בייטשן —
מ׳וואַרפט די זוימען דורך די פינגער
און אויפן האַרצן ווערט עס גרינגער.

גיי איך אויך אַרויס אין גאָרטן,
צעשנייד די ערד אויף ברוינע טאָרטן.
אַ גראָב די ערד, אַ שטיין — אַ שליידער!
שותפות אַלע — דיכטער, שניידער.

גראָב, ווען טו האָבן וואָס צו קאָכן —
רופט זיך אָן אַ גוטער שכן;
אונטער וואָנצעס אַ שמייכל דאָרטן,
ווי אַ איד פאַרזייט אַ גאָרטן...

אָט קומט צו אָן איטאַליענער,
אויף גערטנעריי אַ גרויסער קענער...
פעפער רויטן הייסט ער פלאַנצן,
און זיינע אויגן זינגען, טאַנצן.

ס׳וואָלט היטלער קריגן די ׳פּאָפּלעקציע,
ווי ס׳גיט אַ דייטש דעם איד אַ לעקציע.
פריינטלעך טוט ער אונז אויפקלערן:
דאָ די קאָרן, דאָרט די מערן...

שטייען שכנים דאָ און דאָרטן,
מ׳גייט צו־גאַסט צו זען דעם גאָרטן.
מ׳שיקט זיך פלאַנצן שלח־מנות —
איינס דעם אַנדערן מתנות...

די ערד איז גרייט און ווייך ווי פּוטער,
גרייט צו שפּייזן ווי אַ מוטער;
שטייען מיר אויף ערד און קוקן,
עס וואַרעמט זון אונז אויס דעם רוקן...

ווייל מען איצט זיך ניט דערמאָנען,
אַז מיר זיינען פיינטלעכע נאַציאָנען;
מיר שטייען אַלע אַזוי פאַרקלערט,
ס׳האָט אונז פאַראייניקט זון און ערד...

פּיצלעך פלאַנצן אויף אונז קוקן,
בלעטלעך ציטערן און צוקן...
ווי די בלעטלעך אַלע אינאיינעם
אַזוי די גערטנער און די שכנים.

און אין דער פריינטשאַפט ליגן פאַרבאָרגן
שטיקער וועלט פון שיינעם מאָרגן...
ווען ס׳וועט ניט זיין קיין דאָ און דאָרטן —
די וועלט וועט זיין איין גרויסער גאָרטן!

פויגעלעך אויף דראָטן

פויגעלעך אויף דראָטן,
וויגן זיך און זינגען;
דורכן שטילן אָוונט
זיסע לידער קלינגען.

פליגעלעך, ווי פעכערס,
אָן די דראָטן שלייפן;
פויגעלעך אויף דראָטן
וויגן זיך און פייפן.

שפּילן זיך די עקלעך
מיט אַ זומער־ווינטל,
און אַ פויגלס אויגל —
טוט צו מיר אַ פינטל.

פויגעלעך אויף דראָטן;
לאַנגע, ווייטע רייען;
פון ערגעץ אַנגעפלויגן
מיך אַ קאָפּ דערפרייען.

אַ בלום

אויף אַ פעלד, איינע אַליין —
וואַקסט אַ בלום, דורך זאַמד און שטיין.
קיינער וואַסערט ניט איר גרונט,
דאָך וואַקסט די בלום הויך, געזונט.

גייט אַן עלנדער פאַרביי —
קוקט די בלום צו אים געטריי.
ווערט זיין האַרץ פול געזאַנג;
קריגט ער מוט פאַר ווייטן גאַנג.

און איך גיי דאָרט אויף שפּאַציר —
שטעל זיך אָפּ און קוק אויף איר;
גייט די בלום פאַר מיר אַ טאַנץ —
אויף איר קאָפּ אַ בלויען קראַנץ.

צווישן זאַמד, צווישן שטיין
וואַקסט די בלום איינע אַליין.
קלייבט זיך וואַקסן הונדערט איילן;
ווי קומט זי דאָ? — וויל ניט דערציילן.

האַרבסט־לידער

בלעטער

עס רעגנט מיט בלעטער אין דרויסן,
דער ווינט טראָגט אַ גאָלדענעם שטויב,
אַ קרענצל מיט האַרבסטיקע טראָפּנס
הענגען ביי מיר אויף מיין שויב.

געלע צעאָדערטע בלעטער,
אַזוי ווי די הענט ביי זקנים,
ווילן אַריין אין מיין צימער,
ווילן מיט מיר ווערן שכנים.

לעבן מיין שוועל וואַרטן בלעטער
און רינגלען אַרום מיינע טריט,
זינגען אַ האַרבסטיק לידל,
פאַרפילן מיט קעלט מיין געמיט.

פון האָפענונג מאַך איך אַ פּענזל
און שטעל זיך אַוועק לעבן טיר,
יעטווידער טרוקענעם בלעטל
פאַרב איך אויף צויבער־קאָליר.

עפּל

קאַראַהאָדן עפּל־ביימער,
צווייגן אויסגעשפּרייט און שווער,
רופן, בעטן, עפּל־ביימער —
עפּל, עפּל — קום אהער!

ביימער בלאָזן עפּל־אָטעם,
קיל און ווייניק איז דער ווינט,
יעדער עפּל איז אַ בעקל
ביי אַ זאַט און גליקלעך קינד.

זון איז איינגעשפּינט איןביימער,
יעדער צווייג אַ פולער קריגל
און יעדער הימל אַ געגרייטער,
ווי אַ בלויער קלאָרער שפּיגל.

וויגן־וואָגן רויטע עפּל,
רויטע גלעזער מיט געטראַנק,
ביימער רופן, צווייגן בעטן, —
קומט און נעמט אייך מיין געשאַנק!

גאָרטן־געצייג

אָפּגעהאָרעוועט דעם זומער,
אָפּגעבערענט פון זון און פריי;
אין אַ ווינקל אין מיין קעלער
שטייען זיי זיך זאַלבע דריי.

גראַבליע האָט אַ צאָן צעבויגן,
גאָפּל שטייט זיך שטיל, פאַרקלערט,
לאָפּעטע האַלט נאָך אין זשמעניע
אַ הויפן ברוינע פעטע ערד.

ניט זיי ווילן עפּעס עסן,
ניט זיי וואַרטן אויף פאַרדינסטן;
ברענג איך זיי אַריין אין קעלער
אַ פולן פאַרטוך פרישע גרינסן.

זעט נאָר! זעט נאָר! זעט די גרינסן!
וואָס מיר האָבן פיר פאַרזייט!
האָבן זיך געצייג צעשמייכלט,
האָבן זיך געצייג דערפרייט.

שניי ביינאַכט

קלאָרע קישעלעך אויף אַלע טרעפּ...
אונטער ווייסן צודעק שלאָפט מיין גאַס —
שטיבעלעך, ווי באבעצעס, פאַרקליידט,
מיט ווייסע טשיפּיקעס אויף קעפּ.

פאַסן ליכט צעשפּרייט אויף ווייסן וועג
פון לאָמפּן, וואָס דרעמלען אין ריי;
ווינט טרייבט אום בונטן פליטערלעך
און טאַנצט מיט זיי אין געדריי.

איך גיי אַליין מיט שניי־קוילן אין הענט —
די לבנה קוקט אויף מיר און לאַכט;
איך זע אַ שליטן און אַ פערד,
גליטשט זיך שטילערהייט פאַרטראַכט...

איך וואַרף די שניי־קוילן אויף באַרג.
זיי קייקלען זיך אין קלאָרן טאָל.
מיין צער שלאָפט איין ווי יונגער שניי —
איך צעזינג זיך פריילעך אויפן קול.

ווי שיין איז דער האַרבסט

דער האַרבסט איז אַ שעפער, וואָס רוט זיך אָפּ
אויף פלייצעס, אויף בינטן, אויף גאַרבן;
עופה׳לעך היילע, נאָר־וואָס געבאָרן —
עס פאַלן די בלעטער און שטאַרבן.

דער האַרבסט איז אַ פרוי זומער פאַרנאַכט,
וואָס דרעמלט מיט אָפענע אויגן,
און וואַרעמט אין זון די יונגע ברוסט,
וואָס האָבן איר קינד אָנגעזויגן.

דער האַרבסט איז אַ פרוי, זי לויפט פון אַ באַל,
געזעטיקט פון ליבע און פרייד;
זי וואַרפט אויפן שוועל פערל און זייד
און קרייזן פון פורפורנעם קלייד.

דער האַרבסט איז אַ פּאַלאַץ מיט כל־טוב געגרייט,
וואָס אַלט איר ער טויזנטער יאָרן,
מיט פרוכט און מיט ברויט די טישן געגרייט
ביז דער פרילינג וועט קומען צופאָרן.

אַ זומער פרימאָרגן

אין העל־גרין און בלוי
דער טאָג איז געקליידט;
טוי אויף די בלעטער,
ווי טרערן דורך פרייד.

די ערד אַזוי ווייך —
ברוין און געגרייט,
ווי דייזשעס מיט טייג
געגרייט פאַרן ברויט.

די זון אויף מיין באַק,
ווי אַ קינדערשער קוש;
פון אַ טייערן פריינט
ברענגט ווינט אַ גערוס.

געבויגן פון זאָרג,
איך שטיי אויף מיין שוועל.
„אַ, זומער פרימאָרגן,
ביסט אַ טרייסט פאַר מיין זעל."

איך שטיי קעגן זון,
דערפרייט און אַנטציקט —
אַ ווילע פאַרגעסן,
אַ ווילע דערקוויקט.

צו אַ שמעטערלינג

לעבן טיר אַ שמעטערלינג
דרייט זיך, פרייט זיך, יונג און גרינג —
אויף אַ בלאַט, אויף אַ בלום,
דאָ, און דאָרט, און אומעטום.

ס'איז דיין קלייד געמאַכט פון זייד —
שטעק מיך אָן מיט גליק און פרייד;
שפרינג אויף באַרג, שפרינג אין טאָל,
פונקט אַזוי ווי איך אַמאָל.

ער שפרינגט אַרויף אויף מיינע קני,
ווערט פון אַוונט אינדערפרי,
ס'בליצן רעגנבויגנס אויף,
צעוויקל איך זיך ווי אַ שרויף.

זויג דעם האָניק מער און מער,
זע, ניט מיש עס מיט קיין טרער;
ניט באַפלעק די פליגעלעך,
מאַך פון בלומען וויגעלעך.

לאַך אַ סך, דו, שמעטערלינג!
ס'איז דער טאָג נאָך זייער יונג;
וויג זיך אויף דעם העכסטן זאַנג
און הער זיך צו צו מיין געזאַנג...

פרילינג אין טיפן וואַלד

שטיל און קיל,
אין טיפן וואַלד.
אַ בלויער שטיק פון הימלס גליק
דורך צווייגן פאַלט.

גרינע, דינע
צווייגעלעך
בייגן זיך, פאַרנייגן זיך
פאַר פייגעלעך.

ביימער טרוימער,
ריזיק הויך —
פעכערט גרין, הער און הין,
מיט ווייַרעך רויך.

וועגן, שטעגן,
שלינג און שלאַנג,
ליגן גרייטע, אויסגעשפרייטע
פאַר מיין גאַנג.

פליט און גליט
אַ שמעטערלינג,
דאָרט און דאָ, געל און בלאָ,
פעדער־גרינג.

כ׳האָב האָלט דעם גאָלד
אויף בלעטער גרין,
געוועבט פון זון, שפּון און שפּין
פון פעדעם דין.

איך שטיי אַזוי
אין טיפן וואַלד,
און ס׳ווערט מיר שווער, ווען איך הער,
אַז האַרבסט קומט באַלד...

דער האַרבסט איז —

דער האַרבסט איז ווי אַ האַנט, וואָס רוט זיך אָפּ
אויף בונטן מיט גאָרטן־געצייגן;
די נאַקעטע צווייגן, ווי קינדערלעך קליינע,
באָדן אין זון זיך, און שווייגן.

דער האַרבסט איז ווי אַ פרוי זומער פאַרנאַכט,
וואָס דרעמלט מיט אָפענע אויגן;
וואַרעמט אָן זון די יונגינקע בריסט,
וואָס האָבן איר קינד אָנגעזויגן.

דער האַרבסט איז ווי אַ פרוי, וואָס לויפט פון אַ באַל,
געזעטיקט פון יוגנט און פרייד,
און וואַרפט אין דער נאַכט פּערל און גאָלד
און קרויזן פון פורפורנער קלייד.

דער האַרבסט איז ווי אַ פּאַלאַץ מיט כל־טוב געפּאַקט,
וואָס אַלט איז מיליאָנען מיט יאָרן —
און קוקט דורך די פּיטשינקע שייבלעך אַרויס
ביז געסט וועלן קומען צופאָרן.

די פוסטע הויז

בלינדע שויבן — קעגן זון,
דער קוימען אַ פאַרשמאַכטער;
דער גוטער שוועל, מיט שניי באַדעקט —
אַ קאַלטער, אַ פאַרטראַכטער.

עס יאָגן ווינט דורכן הויז,
אַ קינדס אַ צאַצקע — אויפן דיל;
זי דערציילט, אַז דאָ ניט לאַנג
האָבן קינדער דאָ געשפּילט.

ס׳וויינט אַ טיר די גאַנצע נאַכט
מיט אַ קליאַמקע אַ פאַרראָסטע,
און די קאַץ, זי וואַרט און וואַרט...
אויף איר באַלעבאָסטע.

קלאַפּט אַ בעטלער אָן אין טיר,
עפנט אים ניט קיינער;
הויכט ער אָטעם אין די הענט
און טרייסלט מיט די ציינער.

נאָר טויטע בלומען אַרום הויז
האָפן נאָך צו וואַקסן...
און אַן אייביק־גרינער ביימעלע
וואַרט ווי אַ שטאָלצער עקשן!

יונגהאַרבסט

(אַ ליד אין פּראָזע)

די לופט שמעקט מיט פרוכט — פאַרפומען. אויטאָ־רעדער
שפּאַלטן וועגן. שרויפן פון די רעדער זינגען גליקלעך.
זעק און קערב, פעסער, קאַסטנס מיט פרוכט זינגען
דעם געזאַנג פון דעם געפאַנגענעם, ווי ער געזעגנט
זיך מיטביימער — אַ גוטן טאָג אייך, מאַמעס אונזערע,
מיר פאָרן אין שטאָט אַריין.

באַנען ווערן שטאָלץ. ווענט פון וואַגאָנען לעקן טראָפנס
טרויבן־זאַפט. באַנען פליען — איילן, איילן.
פעלדער בלאַסע, ווי יונגע פרויען נאָך אַ קימפּעט,
קוקן מיט געבעט צום הימל. קומט די זון אַרויס,
ווערט אַ וואָלקנדיקער טאָג צעשטערט פון זונס הייסע פינגער...
לאַכן פעלדער מיט נצחונ׳דיקן געלעכטער
און ווערן ווידער גליקלעך פאַר פרייד, יונג און גרין.

קאָקאָרוזע־שטאַנגען דאַרע, ליידיקע, וויגן זיך,
ווי דעם פאַרמערס דאַרע מידע הענט נאָך אַ זומער שווערער מי...
פרוכט־ביימער גלייכן אויס די גלידער. צווייגן בויגן זיך
צו אַראָפּגעפאַלענער פרוכט, וואָס זיינען געבליבן ליגן
לעבן מאַמעס בוים, צעפרעסענע פון ווערים. האַרבסט־פייגל
שפּאַצירן איבער פעלדער און פאַרזוכן פון אַלדאָס גוטס.
קומט אַ ווינט, צעעפנט קאָקאָרוזע־שטאַנגען, ווערט די הויכקייט
פול מיט פליענדיקע פייגל, ווי פינטלעך אַנטקעגן זון.
זיי קאָנען זיך קיין עצה ניט געבען, וואו צו פליען,
אַז האַרבסט איז יונג אַזוי און זון איז גוט.

די לופט שמעקט מיט לופט־פאַרפומען. אויטאָ־רעדער שפּאַלטן וועגן. שרויפן פון די רעדער זינגען גליקלעך. זעק און קערב, פעסער, קאַסטנס מיט פרוכט זינגען דעם געזאַנג פון דעם געפאַלענעם, ווי ער געזעגנט זיך מיט ביימער — אַ גוטן טאָג אייך, מאַמעס אונזערע, מיר פאָרן אין שטאָט אַריין.

באַנען ווערן שטאָלץ. ווענט פון וואַגאָנען לעקן טראָפנס טרויבן־

זאַפט. באַנען פליען — איילן, איילן. פעלדער בלאַסע, ווי יונגע פרויען נאָך אַ קימפעט, קוקן מיט געבעט צום הימל. קומט די זון אַרויס, ווערט אַ וואָלקנדיקער טאָג צעשטערט פון זונס הייסע פינגער... לאַכן פעלדער מיט נצחונ׳דיקן געלעכטער און ווערן ווידער גליקלעך פאַר פרייד, יונג און גרין.

קאַקערוזע־שטאַנגען דאַרע, ליידיקע, וויגן זיך, ווי דעם פאַרמערס דאַרע מידע הענט נאָך אַ זומער שווערער מי... פרוכט־ביימער גלייכן אויס די גלידער. צווייגן בויגן זיך צו אַראָפּגעפאַלענע פרוכט, וואָס זיינען געבליבן ליגן לעבן מאַמע־בוים, צעפרעסענע פון ווערים. האַרבסט־פייגל שפּאַצירן איבער פעלדער און פאַרזוכן פון אַלדאָס גוטס. קומט אַ ווינט, צעעפנט קאַקאַרוזע־שטאַנגען, ווערט די הויכ־קייט פול מיט פליענדיקע פייגל, ווי פינטעלעך אַנטקעגן זון. זיי קאָנען זיך קיין עצה ניט געבן, וואו צו פליען, אַז האַרבסט איז יונג אַזוי און זון איז גוט. בלעטער האַלטן זיך אייגעקלאַמערט אָן צווייגן. זיי ציטערן און ווילן ניט פאַלן. זיי זינגען אויס אַ תפילה, בעטן זיך ביים קילן ווינט: — „לאָז אונז נאָך אַ טאָג אויפן בוים!" און פאַלן זיי אַרונטער, פליען זיי ניט ווייט. זיי טוליען זיך צום וואָרצל פון דעם בוים, און האַלטן זיך צוזאַמען.

דער פורפורנער פאַרנאַכט קוקט דורך בלעטערלאָזע ביימער. ער גיסט די יונגע צווייגן אָן מיט פרישן בלוט. ביימער גענעצן, פוצן זיך אין רויטן, און דרעמלען איין אונטער הימלס צוויבערטאָל, אונטער זון־פאַרגאַנג.

די פאַרם־אַרבעטער זיצן אויף די שוועלן, ווי די בלינדע. מידקייט קלעפּט זיי בעלמעס אויף די אויגן. זיי שפּייען ברוינעם קיי־טאַבאַק צווישן דאַרע קני; ריידן ניט קיין וואָרט. זיי בלאָזן רויך אַנטקעגן ווינט און רייבן אויס די אויגן. זיי ראַנגלען זיך מיט אָוונט.

דער ווינט איז שכור; ער פליט צעיושעט דורך די פרוכט־ביימער, וויל אָוועקשלעפּן אַן עפּל־ביימל, רייסט עס פון דער ערד... שטייט דער בוים און רירט זיך ניט פון אָרט; ער וויגט זיך בלויז אַ ווײַלע, טאַנצט אַביסל אונטער מיטן קילן ווינט. לאָזט דער ווינט אָפּ דעם עפּל־ביימל און כאַפּט אַ בונט מיט בלעטער, דרייט זיך מיט זיי אין קאַראַהאָד, צעבלאָזט זיי, רופט זיי ווידער צוזאַמען. באַהאַלטן זיך די בלעטער אין וואַלד. יאָגט זיי נאָך דער ווינט און מאַכט זיי פילן פריילעך פאַרן שטאַרבן.

דער הימל שלייערט זיך אין זילבער־גרוי. ער ווערט עלטער וואָס אַ רגע, ווי די לאָקן פון אַ מיטל־יעריקן מענטשן. ווערן וואָלקנס גרויער, גרויער. ביימער שלאָפן איין, פעלדער ווערן ווייט, ווייט, נידעריקער, נידעריקער. דער הימל בייגט זיך אַראָפּ צום ווייטן פעלד. פעלד און הימל ווערן נאָענט. זיי צעקושן זיך... דער ריח פון ווייַנטרויבן און עפּל שכור'ן אָן וואַלד און פעלד. אַלץ בייגט זיך מיט פלאַם צו דער ערד. אַלץ ציט זיך אויס, גלייכט זיך אויס און שלאָפט איין. בלויז יונגהאַרבסט טרעט דורך פעלד און וואַלד. זינגט אַ ליד פון שניט און זעט, פּאַטשט די הענט פאַר פרייד... ער בייסט די יונגע ציינער אין די פרוכטן און זינגט ווידער אַ לויב צו די יונגע הענט, וואָס שלאָפן איצט אויף בוידעמער און היי־בעטן, מיט לאַנגע, דאַרע פיס אין ערד פאַרשמירט.

יונגהאַרבסט קוקט אַריין דורך בוידעם־פענצטער און שמייכלט צופרידן און גליקלעך. די לעצטע עפּל פאַלן פון די ביימער. ווייַנטרויבן עפּענען זיך און טריפן ווייַן אויף דר'ערד.

די קילע נאַכט פּרובירט אויסוועבן אָן ערשטן פראָסטיקן ליילעך אויף די פעלדער, נאָר יונגהאַרבסט ראַנגלט זיך מיט פראָסט.

סאָוועטישע

אַ בריוו צו די פּיאָנערן אין בירא־בידזשאַן

איך שמעק דעם ריח פון פרישער ערד
און פיל דעם ווינט פון טייך;
— אפשר וועט מיר זיין באַשערט
אַמאָל צו זיין מיט אייך!

איך ליב די פרייד פון ערשטן בוי,
איך זע — עס וואַקסן ווענט;
איך, אַ שניידערס בלאַסע פרוי,
שטרעקט צו אייך די הענט.

איך זע מיין פעטער דוד האָלץ
מיט אויסגעגלייכטן האָרב;
איך זע מיין מומע שמייכלט שטאָלץ
צו ווייַנטרויבן — אַ קאָרב.

איך שטיי און לאַך, ביים ברעג פון טייך
עס שווימען צו מיר פיש.
פולע נעצן כאַפּ איך אָן
און טראָג זיי אייך צום טיש.

איך נעם אַרום אַ פעלד מיט ברויט
און קוש אויס יערן זאַנג;
איך בין צו גיין מיט אייך געגרייט
אין וויַיטן שווערן גאַנג.

ס׳איז מיר גוט ווי פיש אין טייך;
עס זינגט מיין יעדער גליד;
ווי וואָלט איך וועלן זיין מיט אייך
צוזאַמען מיט מיין ליד!

די סאָוועטישע פרוי

מיטן עכאָ פון היינט איז באַהעפט אונזער קול.
מיר בינדן די נערוון מיט דראָטן פון שטאָל,
ווי וואָרצלען אין ערד פון פאַר'עקשנ'טן בוים,
און מאַכן אַן אמת פון גאָלדענעם טרוים.

מיר פליען ביזן הימל, און גיסן דעם בליי,
היילן די קראַנקע מוטערלעך־טריי;
אין מענערשע הויזן, מיט מעשענע קנעפּ,
אין אייזערנע גורטן, מיט היטלען אויף קעפּ.

ניטאָ שוין די נעגל געפאַרבטע אויף רויט,
אַן אונז איז געווענדט דער קאָרן, דאָס ברויט,
און פאַלט איצט אַ מאַן דאָ אָדער דאָרט,
פאַרנעמען מיר, פרויען, גלייך זייער אָרט.

מיר שניידן די גרויקייט פון נאַכטיגער שעה;
אין פופציגער יאָרן, ווי טויבן שוין גראָ,
און פנימ'ער צאַרטע — באָדן זיך אין רויך,
און בויען בנינים הימלדיק הויך.

קאַזאַרמעס, פאַרפולטע מיט פרויען־סאָלדאַטן,
מיר פירן, מושטירן — מיט ביקסן, האַרמאַטן,
מ'זאָגט שוין ניט מער: די שוואַכינקע פרוי,
מ'וואַרט איצט אויף אונז ווי ערד וואַרט אויף טוי.

מיר שפּילן און זינגען און שאַפן מאָראַל
מיט ליבלעכן שמייכל און זוניקן שטראַל.
אונז שרעקט ניט דער פּולווער, אונז שרעקט ניט דער טויט,
מיר זיינען ווי מענער אויף אַלצדינג געגרייט.

ווי שטאָלץ ס׳איז צו זיין די פּרוי פון סאָוועט!
ס׳איז קיינמאָל צו פרי, און ס׳איז קיינמאָל צו שפּעט,
און שאַפנדיג וואַרטן מיר — זיינען מיר גרייט
זען ווי דאָס לעבן וועט באַזיגן דעם טויט.

דער סאָוועטישער ענטפער

דו האָסט געוואָגט, דו דונער־וועטער,
דו פאָטער פון שלאַנגען, דו מערדער, פאַררעטער.
דו שוחט פון פעלקער מיט בלוט אויף די קליאַפּעס,
העי, וואו רוקסטו די חזיר׳שע לאַפּעס?

דו מיינסט אַז מיר זיינען טרוסן, — מיר זיינען איידל —
ביי אונז איז אַ זעלנער — אַ יונגינקע מיידל!
ביי אונז זיינען זעלנער גרייז־גרויע אידן,
וואָס גרייט זיינען שטאַרבן פאַר פרייהייט, פאַר פרידן!

העי, דו פאַרהאַסטער, דו הינטישער וועטער!
דו קיינעמס ניט טאַטע, דו קיינעמס ניט פעטער!
עס האָט דיך דיין רויב־לוסט איבער לענדער געטראָגן.
טאָ זע־זשע און הער: עס האָט דיין שעה איצט געשלאָגן!

עס האָבן די קאַמפן געשאַרפט אונז די ציינער;
שטיקער פון פעלז זיינען אונזערע ביינער.
שנייד אונזער פלייש, און קיין בלוט וועט ניט רינען:
אַ, פרעג די יאַפּאַנער, אַ, פרעג ביי די פינען!

ביי אונז זיינען זעלנער מיט ברוסטן, ווי שטאָלן,
און מוט ווי ביי לייבן, און אָדלערס אָן צאָלן;
און גלייך זיינען אַלע — ניט־אידן ווי אידן,
און לעבן צוזאַמען אין גליק און אין פרידן.

זיי וועלן אייך אַלע פאַרניכטן, פאַרלענדן,
אַז ד׳זאָלסט דעם נאָמען מענטש מער ניט שענדן,
אַזוי איז פאַרשריבן, אַזוי איז באַשערט,
אַז מיר זאָלן באַפרייען פון פאַשיזם די ערד!

לידער און טראַקטערס

זי האָט געזאָגט מיט אַ שטעל פון אַ מאַן:
„מיר שאַפן טראַקטערס פאַר בירא־בידזשאַן.
אייערע גראַמען — וואָס האָט פאַר אַ ווערט
אַנטקעגן טראַקטער, וואָס אַקערט די ערד!“
בין איך געשטאַנען פאַרטראַכט און געהערט,
ווי אַזוי זי שאַצט אָפּ אַ דיכטער׳ס אַ ווערט,
און האָב אין פאַרדרוס געוואָלט זאָגן אַ וואָרט,
וואָס זאָל איר ווייזן אונזער ריכטיגן אָרט.
איך האָב נאָר געוואָלט — און געשטאַנען גאַנץ שטיל.
דערנאָך זיך געפרייט, וואָס איך האָב מיין געפיל
באַהאַלטן פון איר
אין האַרצן ביי מיר.
ווייל לאַנג האָב איך נאָכדעם
איר אויסרוף געהערט,
אַז דיכטערשע גראַמען וואָס האָט פאַר אַ ווערט
אַנטקעגן אַ טראַקטער, וואָס אַקערט די ערד.“

די פּאַרטיזאַנקע

אונטער אַ שטוב, אַ פאַרברענטע,
וואָס איז נעכטן אַ היים ערשט געווען,
אַ פויערטע ליגט אַ האַלב טויטע —
ס׳האָבן היטלערשע היינט זי פאַרזען...

שוין עטלעכע טעג ניט געגעסן,
עס קלאַפּט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן;
איר הויט ווי אַ זעקל מיט ביינער
און יעטווידער גליד ווי אַ שפּאָן.

זי טראַכט פון די זין, און די טעכטער,
וואָס האָבן געקעמפט מיטן פאַשיסט;
זי ווייס, אַז עס האָבן די קינדער
ניט געגעבן זייער לעבן אומזיסט.

אַ זילבערנער פּאַס פון לבנה,
קוקט דורך אַ ברעקעלע שויב —
באַטראַכט די האַלב־טויטע מאַמען,
ווי ניט קיין דערקוויליטע טויב.

דער טויט איז שוין פיל מאָל געקומען,
ער טוט זי אַ נעם, אַ הייב־אויף,
ער זעצט זיך אַוועק אויף איר האַרצן,
נאָר אָטעמען הערט זי ניט אויף.

זי בעט זיך: — „איך וויל נאָך ניט שטאַרבן;
זיך רעכענען מוז איך מיט די,
וואָס האָבן געטויט מיינע קינדער,
פאַרברענט מיינע פערד, מיינע פי...“

דער הונגער פאַר׳שרפ׳עט איר גומען,
קנייפּט איר אין ליידיקן בויך;
זי טראַכט וועגן מעליקע בולבעס,
וועגן פרישינקע בוריקע־יויך.

זי חלומ׳ט — עס קושט זי מאַרוסקאַ
איידער זי גייט אין קאַלכאַז,
אין אָוונט קומט זי מיט בלומען,
און טראָגט איר די בלומען צום נאָז...

זיי פרייען זיך ביידע און שטיפן,
וואָס דער מאַמען איז גליק נאָך באַשערט,
צו זען אירע טייערע קינדער
אויף פרייער סאָוועטישער ערד.

זי עפנט די אויגן, דערזעט זי,
אַ וואונד אויף איר באַק, ניט קיין קושן;
היטלער׳ס אַ הונט איז געקומען
און פאַרשלעפּט איר טאַכטער מאַרושן.

זי וויינט און זי צלמ׳ט זיך איבער —
איר האַרץ צינדט אַ ראַכע־געפיל;
פון שוואַרצן און פינצטערן קעלער
זי שאַרט זיך אַרויס אין דער שטיל.

די הענט איינגעקלאַמערט אין חורבות,
זי שאַרט זיך מיט בויך אויף דער ערד;
דער וועג איז פאַרוואָרפן מיט טויטע,
עס רעוועגען האַלב טויטע פערד.

אַט ליגט איר וואַסילקאַ אַ טויטער —
„אַ, הייליקע מאַריאַ, איך שטאַרב!“
זיין קאָפּ איז אויף שטיקלעך צעבראָכן,
דער שניי מיט זיין בלוט איז געפאַרבט.

זי ווישט אָפּ דאָס בלוט פון זיין שטערן,
צום לעצטינקן מאָל זי אים קושט —
זיין ביקס דעם באַקאַנטן געפונען,
ער האַלט אים נאָך פעסט צו זיין ברוסט.

די נאַכט איז אַ ליכטיקע, שטילע,
די ווייסקייט מיט שניי אויסגעשפּרייט;
ווי טויזנטער שניי־ווייסע פאַנען,
וואָס וואַרטן אויף פרידן און פרייד.

דראַטן, ביקסן, האַרמאַטן,
דאָ אַ האַנט, דאָ אַ פוס, דאָ אַ קאָפּ.
אין הימל אַ מאַמע לבנה,
טריפט אירע טרערן אַראָפּ...

גרינג ווי אַ פוקסל, אַ יונגער,
שאַרט זיך די אַלטשינקע שטיל;
דער טויט אַ פאַרגאַפטער, ער וואָגט ניט,
עס שרעקט אים איר ראָכע־געפיל.

אין דאָרפישער שקאָלע איז ליכטיק;
וואָס קענען זיי איצטער דאָרט טאָן?
וואָס זעט זי?... אויף דאָרפישער שקאָלע
פלאַטערט פאַשיסטישע פאָן?

איין זון אירער געלייגט האָט די ציגל,
אַ צווייטער געפאַרבן זי רויט;
אָט נעמט זי די ביקס און צעשיסט זי
די פאַשיסטישע פאָנע אויף טויט!

זי קוקט אין די פריילעכע שויבן
און שפּייט אויף פאַשיסטישער פאָן.
דער ראָכע־געפיל מאַכט זי איינגער —
זי מוז מיטן ביקס עפּעס טאָן!

די שקאָלע פאַרשטעלט מיט האַרמאַטן,
פון זעקלעך מיט פולווער אַ וואַנט;
זי האָט קיינמאָל קיין האַז ניט געשאָסן,
עס ציטערט די ביקס אין איר האַנט.

דערפילט דאָס די ביקס, אַז זי קען ניט —
ווי אַ ביקס האַלטן דאַרף מען פאַרשטיין —
נעמט זי די ביקס, די געטרייע,
צעקאָכט זיך, און שיסט אויס אַליין.

אַ שאָס נאָך אַ שאָס אין דעם פולווער
און שרפה צעפאָכעט די נאַכט.
די אַלטינקע טאַנצט אין די פלאַמען
מיט ביקס אין איר האַנט און זי לאַכט...

מאַמעס און קינדער

מיין טאָכטער שולמית

עך, ווי שיין איז מיין שולמית!
ס'איז איר שיינקייט ניט קיין סיבה;
זי איז אַ בלום פון שענסטן פרילינג,
פון טאַטע־מאַמעס ערשטער ליבע...

וואונדער אין די קלאָרע פינגער,
נאָר זי שטריקט, און נאָר זי העפט;
מיט אַלע שיינקייטן פון לעבן
האָט שולמית זיך באַהעפט.

קיינער האָט ניט די גאַרדינען,
וואָס מיין טאָכטער נייט זיך אויף,
זי פינקלט דורך איר ציצן־קלײדל,
וואָס וויקלט איין איר יונגען גוף.

בלויע ווענט, מיט זון באַשפּונען,
אַ קלאַוויר אין מיטן זאַל —
מישט זיך אַלצדינג צוזאַמען,
ווי אין שיינעם וואַסערפאַל.

ווען עס שיינט די זון אין דרויסן,
זיצט זי שטענדיק לעבן טיר,
און ווי די היגדעלעך די קליינע —
אירע קינדער לעבן איר.

מיין טאָכטער יהודית

אין אַ צימערל אויפן בוידעם,
פון באַגינען ביז גאַנץ שפּעט,
איינגעליבט אין פאַרב און לייוונט,
ווי אַן אייזן מיט מאַגנעט.

פּענזל אין די לאַנגע פינגער,
פאַרבן רינגלען זי אַרום,
און צווישן אַלע פאַרבען
זי אַליין די שענסטע בלום...

הענגט זיך אָן אַן גרעסטן אָדלער,
פליט מיט אים, ביז העכסטער הייך,
נאָך אַ פיר דעם דינעם פּענזל
ווערט אַ קוימען מיט אַ רויך.

פון דער ערד די ברודנע פלעקן
דעקט זי צו מיט שענסטער פאַרב,
שטענדיק פּוצט זי, שטענדיק גלעט זי,
יעדן קנייטשל, יעדן קאַרב...

שענער איז נאָך מיין יהודית,
ווען זי צעפלעכט די בלאָנדע האָר
און איר בלויער קינסטלער־מאַנטל
מיט אירע אויגן — איז אַ פּאָר...

לידער פאַר מוטער־טאָג
צו מיין קינד רחל

איך האָב דיין בלום דערהאַלטן.
שיין איז זי, ווי דו.
יעדער בלאַט איז ליבע,
יעדער קווייט איז רו.

איך דריק זי צו מיין האַרצן
און קוש זי אַלעמאָל;
איך זע אין זיי דיין שמייכל,
און הער דורך זיי דיין קול.

נאָר שענער ווי די בלומען
און שענער ווי געזאַנג
איז ווען איך זע, מיין קינד,
אין מיינע טריט דיין גאַנג.

ווען כ׳פיל ווי מיין אידייע
דרינגט אין דיר אַריין,
און ווערסט מיין אָרט פאַרנעמען,
ווען איך וועל שוין ניט זיין.

איך האָב דיין בלום דערהאַלטן.
אָ, ווי וואונדער־שיין;
נאָר די טייערסטע מתנה
ביסטו, מיין קינד, אַליין.

מיין זון

ווי עס קומט נאָר אָן דער פרילינג
ווערט מיין זון מיט וועג אַ צווילינג;
דאמאָלסט נעמט ער זיך זיין שטעקל,
מיין אומרו־בלוט ביי זיך אין פעקל.

שטויב אויף פנים, שיך צעדרייטע,
נאָר אַ האַרץ אַ יונג־דערפרייטע,
שפּאַנט ער, שפּאַנט ער איבער וועגן,
וואָס ער זוכט — וויל איך אים פרעגן.

יעדן טאָג אַ בריוול שיקט ער,
אַ דערפרייטער, אָן אַנטציקטער.
אין יעדער שטאָט זיין טראָט לאָזט איבער
און ווערט פאַרברענט פון וואַנדער־פיבער.

קומען קומט ער צוריק אום ווינטער
און מיין טרער פאַלט אין טינטער...
קוקט צוריק מיט שניי צוזאַמען,
צו זיין אומגליקלעכע טאַטע־מאַמען.

אַ טרייסט אייך, מאַמעס

אָ, טייערע מאַמעס, שוועסטער מיליאָנען!
דורך אייגענעם צער איך טו אייך דערקאָנען —
איך זע אייך אויף שוועלן, איך זע אייך אויף גאַסן,
סיי אָרעמע, סיי רייכע, און פון אַלערליי גאַסן.

דעם בריוו־טרעגער לויפט איר אַלע אַנטקעגן, —
דורך בלאָטעס, דורך וועלדער, אויף שטאָטישע וועגן,
מיט מאַמע׳שע טרערן איז פול אַלע טאָלן —
אָ, וואו נעמט מען אַ פעדער צו קאָנען אייך מאָלן?

איך זע ווי איר ליגט מיט אָפענע אויגן
דורך נעכט אין די בעטן — וואו איר האָט די קינדער געזויגן —
און קוקט צו לבנה, און קוקט אויף די שטערן
מיט באַקן אויף קישנס פאַרנעצטע פון טרערן.

ווי קאָן איך אייך זאָגן: מאַמעס, זייט מוטיג!
ווען וועלט איז צעפּאַלמעסט, ווען ערד איז פאַרבלוטיגט.
נאָר טראַכט איך פון גליק, וואָס ליגט נאָך פאַרבאָרגן —
שווימט אָן אויף אַ גאָלדענעם שיפל דער מאָרגן.

געפין איך דאָס וואָרט, געפין איך די גראַמען
צו טרייסטן אַ שלאָפלאָזע עלנדע מאַמע,
האָט זין אין דעם קריג און אַליין אַן אלמנה,
וואָס רעדט דורך די נעכט צו דער שטומער לבנה.

גלויבט: ברענגען דער מאָרגן וועט גליקלעכע קינדער,
קיין איינער קיין שטומער, קיין איינער קיין בלינדער —
זיי טאַנצן און זינגען אויף זוניגע וועגן
דעם גליקלעכן, פרידלעכן לעבן אַנטקעגן.

ניט זיין וועלן קיין אַלטע און יונג וועט זיין יעדער,
יעדערנס הארץ וועט זיין ווי אַ פעדער.
ווייך אויף די פעלדער און פרוכט אויף די ביימער, —
קיין מיינע, קיין דיינע, קיין פאַרקאָן, קיין שומר.

גוט מאָרגן, גוט יאָר אייך, — און מען וועט זיך באַקאָנען.
די פאָן פון דעם פרידן אָנשטאָט טויזנטער פאָנען.
די גאָלדענע זון צעשמעלצט אַלע צאַמען.
פריי איז די ערד און פריי זיינען ים׳ען.

פידלען, גיטאַרן, געזאַנג וועט מען הערן:
קיין זעלנער, קיין ביקס, קיין קריג און קיין טרערן,
קיין האַס צו אַ איד, קיין שלאַס אויף די טירן;
אַן עראָפּלאַן וועט אונז צו גאַסט אַרומפירן.

פאַר אַ לעבן אַזאַ מוז מען ביינער פאַרזייען.
גליק ווערט געבאָרן — און מיר ליידן די ווייען...
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

זעט אויך אַט־דעם מאָרגן ווי איז זע אַצינדער,
וועט גרינגער אייך זיין צו וואַרטן אויף קינדער,
וועט גרינגער אייך זיין דורך שלאָפלאָזע שעה׳ן,
וועט איר פילן די זון — דורך דעם וואָלקן דעם גרויען.

אַ, נעמט צו מיין טרייסט, איר מאַמעס מיליאָנען!
אין צענדליגער לענדער, אונטער הונדערטער פאָנען.
צעשניטן די ערד איז מיט צאַמען, מיט דראָטן,
נאָר אונזערע הערצער פון איין טייג געקנאָטן.

דערזעלביגער ווייטאָג ביים האָבן, ביים טראָגן,
דערזעלבער כליפּען, ווען מיר טוען באַקלאָגן.
ס׳איז שווער, — ווי שווער! קרבנות צו געבן.
נאָר מיר מוזן קערן דעם פּנים צום לעבן.
— — — — — — — — — — — — — — — —

איז מוטיג, איר מאַמעס! ווישט אָפּ די טרערן —
צוזאַמען דעם אָנקום פון מאָרגן טוט הערן.

אייגן צער

כ׳בין אַוועק צום ים פון ליידן,
מיט מיין אייגן צער אַ פּאַק,
אים טיף אין ים אַריין געשליידערט,
געהאַפּט ס׳וועט זינקען ווי אַ האַק.

געוועזן דער ים אַזוי ווי אויג פול,
געזאַלצן, ביטער און מיט אַ שוים;
אַט שווימט אַן אָפּגעהאַקטער לעבן,
אַט שווימט אַן אויסגעלאָשענער טרוים.

אַט שווימען וואונדן ניט פאַרהיילטע
און הערצער דורכגעלעכערט טיף;
טו איך אויך מיין פּאַק אַ שליידער —
און ס׳ווערט גערוּמער אויף מיין שיף...

מיין צער ווערט אויסגעמישט מיט אַלע —
עס ווערט מיר גרינג אויף מיין געמיט;
איך קוק אין ים פון פּעק מיט צרות —
מיין אייגן פּאַק דערקען איך ניט.

אַז איך האָב מיין פּאַק דערטרונקען,
הויב איך טאַקע אָן צו גלויבן,
נאָר דורך די פּעק מיט צער און טרערן
שווימט מיין אייגן פּאַק פון אויבן.

טאַטע־מאַמע טאַנצן

דער טרומייט האָט אויפגעוואַכט
און די פידל האָט געגלעט.
„ריר די פיס, גיי אַ וואַלץ!"
האָט צום זיידן פויק גערעדט.

לענטעס צוויי אין דריידל־ראָד...
באַקן פלאַמען, אויגן — גלאַנץ.
ציטערט — פלאַטערט מידע האַרץ,
ווערט געשטאַרקט אין לוסט פון טאַנץ.

הענט אין הענט, און פּאָר נאָך פּאָר.
פידל קיצלט אין די טריט:
ווער עס קען ניט, ווער עס קען,
וואַלץ פאַרבעט: „קומט טאַנצט מיט!"

וויגן וואַגן זיי די קעפּ,
ווי זיי וואָלטן וויין געטרונקען,
און אין האַרצן גליען אויף
באַלד שוין אָפּגעקילטע פונקען.

קוקן זין, קוקן טעכטער,
קלאַפּן בראַוואָ שטאַרק פאַרוואונדערט:
„מזל טוב, די אַלטע טאַנצען!"
ביידע ציילן העכער הונדערט!

ווער דאַרף ציילן אָט־די הונדערט!
פיס נאָך דינען, עד ווי גוט!
טראָג אונז, טראָג אונז, וואַלץ, דו אַלטער!
נאָך אַ שעה, נאָך איין מינוט!

ווישןביידע שוויס פון שטערן,
ציטערט האָרץ אונטער זשילעט.
און דער אַלטער וואַלץ ער בעט זיי:
„טאַנץ, נאָך טאַנץ, ס'איז קיינמאָל שפּעט!“

צו אונזער יוגנט

אַ לעבן אויף אייך, קינדערלעך,
ווי שיין איר זייט, ווי וואונדערלעך!
דורך אייער קלינגענדיקן קול
הער איך ווידער דעם אַמאָל.

ווידער זע איך יענע שעה,
ווען דער הימל געוועזן איז בלאָ,
פּונקט אַזוי, ווי איר אַצינד,
די וועלט אַנטקעגן מיר צעגרינט.

איך האָב אַן אוצר אָפּגעשפּאָרט,
איך טוליע זיך צו אייער וואָרט.
איך בענטש און לויב די גוטע שעה,
ווען איך קום און זע אייך דאָ.

איך צייל אייך אויס — „ניט איינס, ניט צוויי“,
קיין עין הרע, ריי נאָך ריי,
גלייכע, גרייטע, פאָלק נאָך פאָלק,
זין און טעכטער פון מיין פאָלק.

עס ווערט מיר גוט, עס ווערט מיר גרינג,
איך גלייך זיך אויס צו אייך און זינג:
איר פאָראויס מיט רויטער פאָן
און איך נאָך אייך — איך הייב ערשט אָן.

מיט אַ קינד

לעבן מיר מיין מיידעלע,
ווי לעבן בוים אַ בלום,
איינגעטוליעט חלומ׳ט זי
ליכטיג, קינדעריש, פרום.

איך דריק צו זיך מיין מיידעלע,
קוש זי, האַלט זי פעסט.
איך פיל זיך ווי אַ פויגל־מאַמע
אין אַ וואַרעמער נעסט.

וואַרעם, שטיל אין שטוב ביי מיר,
און פרידלעך אומעטום.
מיט אירע קליינע הענטעלעך
זי נעמט מיך פעסט אַרום.

אַן עראָפּלאַן איז דורכגעפלויגן
מיט אַ שטאַרקן ברום —
ציטערט אויף מיין מיידעלע,
ווי אין ווינט אַ בלום.

ציטער ניט, מיין מיידעלע,
בעט איך זיך ביי איר —
— דער עראָפּלאַן איז אונזערער
ער פליט פאַר מיר און דיר.

נאָר זי וויל ניט שלאָפן מער,
זי בלייבט שוין אויפגעוואַכט,
ווי אַן אַלטע אידענע
טרויעריג, פאַרטראַכט.

וואָס טראַכט אַ קליינע מיידעלע,
דערצייל, מיין קינד, דיין מאַם!
איך טראַכט, זאָגט זי, פון קינדערלעך
אויף יענער זייט פון ים.

פון מיידעלעך, און אינגעלעך,
אַזוי ווי איך די גרויס,
וואָס האָבן מער קיין מאַמעס ניט
און האָבן ניט קיין הויז.

דערצייל איך איר אַ מעשה׳לע
און וואַרט כאָטש אויף איין לאַך,
נאָר זי וויל ניט שמייכלען מער,
עס אַרט איך ניט קיין זאַך.

דין פאַרפרעסט די ליפּעלעך,
די אויגן קוקן ווייט...
אויף איר שטערן ערשטער קנייטש
האָט אויסגעוועבט די צייט.

מיין שפּיגל

רחל, רחל, טאָכטער שיינע,
ליבע — אַ פּולער קריגל;
ברוינע לאָקן, בלאָע אויגן,
רחל, ביסט מיין שפּיגל!

רעדסטו, רחל, לאַכסטו, רחל,
דאַכט זיך מיר — דאָס בין איך!
כ׳טוליע זיך צו זומער׳ס בוזעם,
נאָר די יאָרן לויפן גיך.

כאַפּסט מיך אויף די יונגע פליגל
און טראָגסט מיך ווידער צום אַמאָל,
וואו עס ליגן יונגע יאָרן
אין אַ טיפן, גראָען טאָל.

ס׳וואָלט מיין וועלט געווען נאָך גרויער —
פאַרגעסן וואָלט איך אַלצדינג;
נאָר ווען איך זע דיין שיינעם פּנים
ווערט מיר פריילעך, ווערט מיר גרינג.

מיך האָט אַ גרויסער גליק געטראָפן,
עפּעס איז אַ נס געשען:
אין דיין שיינעם יונגן פּנים
האָב איך ווידער זיך דערזען.

נאָר אַ ווייטאָג איז מיר, טאָכטער,
וואָס דו ווילסט מיר דאָס ניט גלויבן
און דו קוקסט אויף מיר מיט אויגן,
ווי צוויי אומעטיגע טויבן.

מיינע מתנות

איך לויף אַהיים צעפּרילינגט, צעגרינט,
מיט בונטן מתנות פֿאַר אונזער געזינט;
ווערטער פֿון נביא, פֿון דיכטער־געזאַנג,
און פֿיל אויס מיין הויז מיט געטלעכן קלאַנג.

איך רייס אויס אַ שטיק ביי מיר פֿון מיין זעל
און לייג עס אַוועק ביי זיי לעבן שוועל...
מ'הויבט עס ניט אויף, מ'גייט עס פֿאַרביי,
און איך לייג מתנות אַוועק פֿון דאָס ניי.

זיי קוקן און קוקן און זעען ניט די פּראַכט,
די שיינע מתנות, וואָס איך האָב געבראַכט;
זיי גייען פֿאַרביי די אויגן פֿאַרשטעלט,
אַזוי ווי אַ בלינדער וואָס זעט ניט די וועלט.

איך וויין און איך בעט: „קינדערלעך, נעמט!"
זיי לאָזן עס ליגן באַליידיגט, פֿאַרשעמט.
נאָר איצטער פֿאַרשטיי איך וואָס ס'איז געשען —
עס פֿעלט זיי מיין אויג די שיינקייט צו זען.

אין קיך

עס ליגן טעלער אויף טעלער,
עס שטייען אַ טאָפּ אויף אַ טאָפּ.
יעדע פֿאַרלאָרענע רגע
פֿאַרבט איבער אויף זילבער איר קאָפּ.

עס קוקן זי נאָך די שטולן.
זי קען זייער אומעט ניט ליידן;
עס וואַרט אַ ברויט אויפֿן טיש,
מ'זאָל אים קומען צעשניידן.

אויף איר האַרטן בעזים
שפּאַרט זי אַן איר קאָפּ;
זי הערט דעם טיק פון זייגער
און היט די פּאַרע פון טאָפּ.

דער טעפּל ווערט ווי אַ קוימען —
אַ באַן, וואָס פירט צו דער וועלט,
דער טיקטאַק פון זייגער — אַ פייקל,
וואָס רופט איר אַרויס פון געצעלט.

דאָך זיצט זי אַזוי ווי געבונדן,
אַזוי ווי מיט קייטן געשמידט;
די קייטן מאַכן איר וואונדן,
נאָר צעררייסן וויל זי זיי ניט.

דעם תליון׳ס מאַמע

זי שעמט זיך פאַר דער פינצטערניש
און גראָבט איר פּנים אין איר קישן,
זי צופּט פאַר צער איר לייב,
ווי זי וואָלט קריעה דאָ געריסן.

און שעלט די בייזע שעה
ווען זי האָט אים געבוירן,
און וויל זיך אַלץ ניט גלויבן,
אַז זי האָט אים פאַרלוירן...

זי זעט אים דורך אַ נעפּל,
ווי איינע וואָס ווערט בלינד.
זי קוקט אויף אים און טראַכט זיך:
אָט דער זאָל זיין מיין קינד?

און רעדט ער אויס אַ וואָרט
דורך זיינע מאַטע ציינער,
פּילט זי ווי עס פּאַלן
אויף איר קאָפּ דעם גרויען — שטיינער.

און קוקט איר זון אויף איר,
שרעקן איר זיינע בליקן:
איר דאַכט: אַט לויפט ער צו,
אַט וועט ער זי דערשטיקן...

איר קול איז שטיל און קראַנק,
קוים מען קאָן זי הערן —
זי גייט אַרויס ביינאַכט
און קלאָגט זיך פאַר די שטערן.

זי וויכט פון מענטש, פון גאַס,
ווי גאַסן וואָלטן ברענען,
און רוקט אַראָפּ די הוט,
מען זאָל זי ניט דערקענען.

ווייל פון הינטער תפיסה־ווענט
אַ קול איר האַרץ עס בויערט:
דיין זון, דיין זון, דיין זון!
ער האָט אונז דאָ פאַרמויערט!

די יונגע נאָנע

(אַ פּאָרטרעט)

איר קלייד איז שוואַרץ, לאַנג און שווער,
אין יעדער פאַלב ליגט אַ טרער.
איר הוט פאַרשטעלט פון איר דאָס ליכט —
און פאַרשאַטנט איר געזיכט.

איר פּנים, ווי אַלבאַסטער קלאָר,
הענט, ווי טייבעלעך אַ פּאָר;
קערט זיך אָפּ פון יעדן מאַן
און גאַרט זיי, ווי דעם טייך אַ שוואַן.

יונגע ליפּן, בלאַס און דאַר,
דערציילן מיט אַ מאָדנעם צער,
אַז דער צלם אויף איר ברוסט
האָט זייער זיסקייט אויסגעקושט.

בלויע אויגן ווייט פאַרטראַכט,
אין דער ווייטער, טיפער נאַכט.
שאָטנס פון די לאַנגע וויען,
רופן צו זיך, גלעטן, ציען.

דאַרע בריסט, ווי ערד אַן טרונק,
בענקען נאָך אַ מאַנס אַ וואונק,
שטופּן זיך דורך פאַלבן, צאַקן,
און רויטלען אירע בלאַסע באַקן.

לידער פון אַ מוטער אין טרויער

אַן עפּל פאַלט ניט ווייט פון בוים,
ס'האָט טויט פאַרשניטן מיר אַ טרוים.
קלאָג איך שטילערהייט און שווייג
אויף מיין יונגן אָפּגעהאַקטן צווייג.

שווער צו טרייסטן זיך אַליין,
ווען מעסער שניידט ביז טיפסטן ביין;
דו זעסט ווי טויט דערווערגט דיין קינד,
אַ ווי איז מיר, — אַ ווי, אַ ווינד.

אַ הוט, אַ בוך, אַנטקעגן קומט,
אַ לערע בעט וואַרט און שטומט —
און פאַר די אויגן שטייט זיין גרוב
און איך אַליין אין אַ פוסטער שטוב.

און דערצו דער הונט ער וואַרט ביים טיר,
אַ, הונט, וואָס ווילסטו אויך פון מיר?
אומזיסט דער טרויער אין דיין בליק —
דיין פריינט, מיין זון, קומט ניט צוריק.

צו מיינע טרייסטער

אַ דאַנק פאַר די טרייסטיגע בריוולעך,
אַ היילונג פאַר מיין צעבראָכן האַרץ.
ווי גוט ס'איז צו האָבן פריינט
אין אַ שעה, ווען ס'איז טרויעריג, שוואַרץ.

כ'ווייס ס'איז נאַריש צו וויינען
איוף אייגענעם איינציגן צער,
ווען טויזנטער זין איצטער שטאַרבן
אין וועלטלעכן העלדישן גזר.

אָ, ווי גוט ס'וואָלט געווען דער מאַמען,
ווען מיין זון וואָלט געפאַלן אין שלאַכט!
געגומען אַזוי זיך גאַר פשוט
און די גרין־בלויע אויגן פאַרמאַכט...

אַ דאַנק פאַר די טרייסטיגע בריוולעך.
ווי וואַרעם, ווי ליב און ווי קלוג —
איך נעם אַלע טייערע ווערטער
און לייג זיי אין ביטערן קרוג.

זיצט אַ מאַמע, און רעדט צו זיך

געווידמעט מיין שכנה, וואָס האָט פאַרלאָרן איר איינציגן זון
אין קאַמף מיט היטלער׳ן.

שטיקער בליי איז אויף מיין זייגערס ווייזער,
ווי ווייט עס רוקן זיך אַוועק די הייזער;
פון רגע׳ס ווערן שעה׳ן, פון שעה׳ן ווערן יאָרן,
מיר גלויבט זיך ניט, זון, אַז איך האָב דיך פאַרלאָרן!

און אין טרערן אויסגעווייקט די טעלעגראַמע...
געמיינט, כ׳וועל קענען זיין אַ העלד, אַ מאַמע,
ניין, איך וועל פון גאָלד דעם שטערן ניט אויפהענגען,
כ׳ווייס, ס׳וועט אַ גוטע שעה צוריק דיר ברענגען:

ס׳האָט אַ וואָלקן זיך פאַר מיר געשוואָרן,
אַז ער האָט דיך געזען, אַז דו ביסט ניט פאַרלאָרן;
שטערן טרייסטן מיך און ביימער שווייגן —
איך זע דיינע הענט, אין אַלע צווייגן.

שטאַרק בין איך — אַ דאַמבע קעגן שטורעם,
און שטיי אַזוי, ווי פון שטיין אַ טורעם.
איך פיל דו האַלטסט מיך שטאַרק אַרומגענומען —
איך וואַרט און גלויב, אַז דו וועסט אַלץ נאָך קומען.

אויף מיין איינזאַמער שוועל וועל איך שטענדיג זיצן,
דורך רעגן, שנייען, דורך דונערן, בליצן,
פון מיין ווייט וועל איך דיין טראָט דערהערן,
ניין, איך וועל ניט אויפהענגען דעם גאָלדענעם שטערן!

ווי גיך דו האָסט אַ פלי געטאָן פון דאַנען...
אויף דעם שוועל ביסטו מיט מיר געשטאַנען...
עס קען ניט זיין! כ׳וועל ניט אויפהענגען דעם שטערן!
ווי לאַנג ס׳וועט אין די אויגן מיר סטאַיען נאָך טרערן...

אַ שול־באַזאַר

האָמערס קלאַפּן, זעגן שניידן —
אַזאַ פרייד, אַזאַ גדולה...
שלעפּט מען פּעקלעך, דעקט מען טישן —
ס׳אַ באַזאַר פאַר אונזער שולע...

ווערט מען קעכינס און באַדינער —
העי, העי, מאַכט אַ וואַרע!
גאָפּל, מעסער, זינגען לידער,
פון הינער־זופּ טאַנצט אַ פּאַרע.

מאַמעס רופן צו די טישן:
ביליג, ביליג, קומט, קומט קויפן;
זעט די בילדער, זעט די בלומען,
זעט די בלוזעס מיט די שלייפן!

פאַלט דאָס ליכט אויף זייד און שפּיגלען,
פאַלט אויף ברויט און אויף מאַראַנצן: —
פינקלט זאַל מיט פיל קאָלירן,
ווי ביים בלומער בלומען־קראַנצן!

אויף דער בינע רוט די שכינה —
אַ פּיצל קינד לייענט אידיש;
הערן טאַטעס, קוועלן מאַמעס:
אַזאַ מין פרייד, אַזאַ מין חידוש!

לערער האָוועט, יונג און גליקלעך —
אַ רינג מיט קינדער, ער אין מיטן;
אַ פולער בוים איז ער, דער לערער,
און די קינדערלעך, ווי צוויטן.

ווערן גרינג די מידע גלידער —
היינט וועט קיינער מיד ניט ווערן;
גרינג און ליב איז אונז די אַרבעט,
אונזער שולע צו דערנערן.

וואָס מער געזייט, וואָס מער געדראָשן,
ווערט דאָס לעבן שיין און וויכטיג...
ווען די קינדער רעדן מאַמע־לשון —
ווערט עס אין די היימען ליכטיג!

אַ וויג־ליד פון יענער זייט ים

(געווידמעט דער עמאַ לאַזאַרוס פּרויען־דיוויזיע אין דער
הילף־קאַמפּאַניע פאַר 100 טויזנט דאָל.)

שלאָף מיין קינד ביי מיר אין שויס,
דיין וויגל איז צעבראָכן;
עס וועט ניט העלפן דיין געוויין,
איך האָב ניט וואָס צו קאָכן.

מיר פאַר דיינע הענטעלעך
ווי פאַרדאַרטע זאַנגען;
עס זיינען שוין ביי מיר אין שויס
דריי קינדער אויסגעגאַנגען.

זויג מיין ברוסט די טרוקענע,
ווערסט גאַרנישט ניט געפינען;
ניט קוק אויף מיר, ניט בעט ביי מיר, —
איך גיי אַראָפּ פון זינען!

מיינע פיס צעבלוטיגטע
און באַדעקט מיט וואונדן —
כ׳וואָלט אַ שמאַטע כאַטש געהאַט,
וואָלט איך זיי פאַרבונדן.

ניט קיין ברויט און ניט קיין וויג,
און ניט קיין שוץ פון רעגן —
אָ, זאַטע וועלט! איך בעט ביי דיר,
קום אונז גיך אַנטקעגן!

מיר וואַרטן אויף דיר, גוטע האַנט,
וועסט אונז ניט פאַרגעסן —
אונז שענקען אַ פּאָר אַלטע שיך,
און עפּעס וואָס צום עסן.

זע מיין אויסגעדאַרט קינד,
אַמעריקע, דו זאַטע —
פאַר אייער פרייד, פאַר אייער גליק
געפאַלן איז זיין טאַטע!

האַלט מיך, איינציג קינד מיינס,
שטאַרק אַרומגענומען —
גיי ניט אויס אויף מיינע הענט,
הילף וועט באַלד אָנקומען!

איך זע עס פּאַקן שוין די פּעק
קינדער, מענער, פרויען;
שיפן פול מיט מילך און ברויט,
און האָלץ אַ הויז צו בויען.

גיי ניט אויס, מיין טייער קינד,
אָ, מאַך ניט צו די אויגן;
איך שלינג אַראָפּ אַ הייסע טרער —
וועסט האָבן וואָס צו זויגן.

מרים בת שלום

(פון אידישן קוואַל)

מרימ׳ס געבורט

אָט ליגט דאָ אין קינפּעט אַ יידישע ווייבל,
זי קלאָגט און זי כליפּעט אַריין אין איר הייבל;
ווייקט אויס איר קישן אין זודיגע טרערן:
אַזאַ גרויסער אומגליק — באַהיט זאָל מען ווערן!

ווידער אַ מיידל געבאָרן געוואָרן!
זי וויל זיך איצט וואַרפן פון זיבעטן גאָרן.
עס פלאַמען ביי איר די באַקן ווי קוילן,
ווי קען זי דעם אומגליק איר מאַן גאָר דערציילן?

געגאַנגען אין וואַסער, געווען אַזאַ ריינע —
דאָרטן געקוקט אויף אינגעלעך שיינע;
ליכט אָנגעצונדן און חלה גענומען
און גאָט האָט איר תפילה נאָך אַלץ ניט פאַרנומען.

איר אַלטינקע מאַמע ווישט אירע טרערן:
וואָס קלאָגסטו אַזוי, באַהיט זאָל מען ווערן!
זי׳ט קריגן אַ חתן, האָב ניט קיין מורא,
האָף נאָר צו גאָט, בעט נאָרביים בורא!

וויינט זי נאָך מערער — אַ, מאַמעניו ליבע!
פון מיין גרויסן אומגליק צי ווייסטו די סיבה?
פאַרוואָס איז דאָס גאָט צו מיר אַזאַ שלעכטער?
און שיקט מיר אַרונטער טעכטער נאָך טעכטער?

שטייט מרימ׳לס באָבע און קוועטשט מיט די פּלייצעס,
זי האָט ניט קיין טרייסט און האָט ניט קיין עצות.
זי ווייס דאָך אַליין עס איז ניט קיין געלעכטער,
אויך זי האָט געהאַט אַ שטוב פול מיט טעכטער.

אַט איז געקומען די באָבע גנענדל
מיט אַ היפּשינקן הויקער און אַ קול ווי אַ הענדל;
זי פּילט זיך פאַרשעמט, זי פילט זיך פאַרלאָרן,
זי האָט דאָס קינד געהאָלפן געבערן.

און פּלוצלינג געפינט זי טרייסט פאַרן ווייבל,
זי שנייצט אויס די נאָז, פאַרריכט זיך איר הייבל;
גאָר ווי אַ דאָקטאר דאָס קינד זי באַטראַכט
און זאָגט זיך אַרויסעט זיכער, באַזאַכט:

איר זעט אָט די אָדערלעך לעבן איר שטערן?
פון אָדערלעך בלויע — באַהיט זאָל מען ווערן!
דו דאַרפסט גאָרניט וויינען, דו דאַרפסט זיך ניט קלעמען,
גאָט וועט דאָס קינד צו זיך באַלד צונעמען.

זי גלאָצט מיטן אייגל און קלאַפּט מיטן ציינגל,
און זי ווייס שוין דעם קונץ ווי מען היט אָפּ אַ איינגל,
זי וועט איר שוין לערנען דאָס מאָל אָן צווייפל,
זאָל גאָט נאָר נעמען צו זיך אָט דאָס נפל.

זי ראַמט איין אין אויער מרימ׳לס מוטער:
ווען האָבן איצט אינגלעך — גאָט איז אַ גוטער.
ניט קוש זי אַזוי, ניט זויג זי צופיל,
עצה׳ט זי קלוג און רעדט אין דער שטיל.

ווי לאַנג קען עס לעבן: אַ חודש, אַ יאָר?
דערנאָך וועסטו האָבן אינגלעך אַ פּאָר.
נאָר ס׳עופה׳לע שטעלט אויס די צוויי קליינע הענטלעך,
פּונקט ווי ביי נאָר־וואָס געבאָרענע ענטלעך.

ווי זי וואָלט זיך פאַרמעסטן צו שווימען די ים׳ען
און רוקט זיך אַלץ נעענטער צו צו איר מאַמען.
אַז זי קלייבט זיך צו לעבן ווייזט זי אַ סימן,
קוקט אויף דער הייבאַם און הויבט זיך אָן קרימען.

ווערט מרימ׳לס מאַמע בלייך ווי אַ ציך,
זי באַפּט גלייך דאָס קינד און דריקט עס צו זיך.
קושט אויס דאָס מיידל געוויס אַ מאָל הונדערט
און קוקט אויף דעם ווייבל צעשראָקן, פאַרוואונדערט.

מרימ׳ל גלייכט אויס די פּיטשינקע גלידער,
ציט זיך צום לעבן ווי אַ פלאַנץ פון דער נידער,
קוקט אויף איר מאַמען מיט העל־בלויע אויגן,
טוליעט זיך צו און הויבט אָן צו זויגן.

איר טאַטע

איבער אַ בוך איז איר טאַטע געזעסן:
אַ קראַנקער, אַ בלאַסער — דעם טאָג ניט געגעסן.
ער חלומ׳ט אַ חלום צו ווערן אַ שרייבער —
מוז ער אַריינגיין צו הערן די ווייבער.

ער ווייס אַז ער דאַרף איצטער ניצן זיין שכל,
קומט ער אַריין מיט אַ פריינטלעכן שמייכל.
ער שטייט לעבן בעט אַ שטאָלצער, אַ גלייכער,
ווי ער וואָלט געווען אַ זאַטער, אַ רייכער.

ער שמייכלט אַזוי און קוקט אויף זיין ווייבל,
גלעט אירע האָר און פאַרריכט איר איר הייבל,
און מרימ׳לס מאַמע הייבט ווידער אָן קלאָגן,
סטייטש: אַ מאַן זאָל קיין בייזן וואָרט גאָר ניט זאָגן.

„וויין ניט, מיין ליבע, זאָל זיין אַ מיידל,
זאָל זי נאָר זיין געראָטן און איידל.
ער זעט אויף זיין קינד דעם שטערן דעם הויכן,
און שטייט און ער קוקט אויף איר פּנים דעם בלייכן.

מרימ׳לס טאַטן האָט יעדער געקענט:
מ׳פלעגט אים אָפּט זען מיט אַ בוך אין די הענט —
אַ דינער, אַ בלאַסער מיט העל־בלויע אויגן,
גייט שטענדיג פאַרטראַכט, און אַ ביסל געבויגן.

ער איז ניט קיין הענדלער, קיין סטאָליער, קיין שמיד,
גלאַט זיך אַזוי, אַן איידעלער איד;
ס׳איז ניט געווען אין זיין גאַנצער משפחה
קיין שוסטער, קיין שניידער, קיין איין באַלמעלאָכע!

הערט ער ניט אויף צו שטרעבן, און קלערן:
ער וויל ערגעץ גרייכן, ער וויל עפּעס ווערן:
אַ לערער באַוואוסטער, ער איז דאָך שוין איצט,
און ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער ביכער ער זיצט!

לייענט די ווערק פון פּושקין, און היינע,
— אויף אויסווייניג קען ער — די לידער די פיינע;
צו מענדעלין אָפּט זיינע שריפטן געבראַכט,
געזעסן צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

פון דאָרטן און דאָ קומען אידן צוגיין:—
אַ פּראָשעניע צו שרייבן צום קייסער אַליין;
מ׳קוקט, ווי זיין פּען טוט אַ פלי און אַ דריי,
ער לייענט צען מאָר די פּראָשעניע פאַר זיי.

די טיטולן און ווערטער געצאַצקעט, געשניצט,
אַרום אים די אידן פאַרגאַפטע מ׳זיצט:—
איי־איי — ס׳אַראַ האַנטשריפט, איי־איי — ס׳אַראַ צונג,
און אינגאַנצן געווען איז ער דרייסיג יאָר יונג.

זיין ווייב פּלעג זיך שטעלן ביים פּלייצע און זען
ווי שיין ס׳איז זיין האַנטשריפט, ווי פלינק ס׳איז זיין פּען,
און ער נעמט זיך פלייסן אַהו; איינס און צוויי!
אַ פלי מיטן פעדער, אַ דריי נאָך אַ דריי.

ער פלעגט טאָקע אָפטמאָל זאָגן צו איר:—
וועסט זען פון מיין פען וועל איך ווערן אַ גביר;
כ׳וועל אָנשרייבן ביכער, אַ בוך נאָך אַ בוך,
עס וועט שוין ניט פעלן קיין האָלץ און קיין שיך...

אוראָקן געגעבן, פאַר צען רובל אַ יאָר:—
מ׳פלעג זיך באַרימען מיט שלומ׳ס אַ „פאַר״;
„דייטשישע״ ווערטער, ביים שרייבן גענוצט,
געטראָגן אַ שטעקל, דאָס בערדל געפוצט.

מיט גאָר נייע אידן האָט איר אים געזען:—
איז איינער פון די יונגע משכּילים געווען,
מיט אַ טענה צו גאָט צומאָל זיך געשטעלט,
אַז ס׳איז ניט כשר און גלאָט מיט זיין וועלט.

אַז אין שטוב האָט זיך אָפטמאָל פאַרקליבן די נויט,
האָט מען שבת געגעסן אַ הערינג מיט ברויט;
זיי האָבן די טירן און טויער פאַרמאַכט,
געזעסן, געגעסן, גערעדט און געלאַכט —

„אַז הערינג מיט ברויט גיט כוח און קראַפט״,
דערקלערט ער זיין ווייב, זי הערט אים און גאַפט,
וואַרפט זי אים אויכעט אַ גוט־וואָרט אַריין: —
„ביי מיר איז עס בעסער ווי לעקאָך מיט וויין.״

איין מיידעלע — ער, און איין מיידעלע — זי.
די קינדערלעך וויגט מען ביי זיך אויף די קני.
מ׳האָפט פון די קינדערלעך נחת צו זען,
ביז איין טאָג מיט אים ס׳איז אַן אומגליק געשען!

עס איז אים באַפאַלן אַ טרוקענער הוסט,
אַ שטאָך אין אַ זייט, אַ פּרעס אין זיין ברוסט —
שטייט ער אַצינד לעבן מרים׳לס וויגל,
אַזוי ווי אַן אָדלער אַ יונגער אָן פליגל.

ער פילט דורך זיין לייב אַ קעלט און אַ ציטער,
ער זעט שוין איר מזל, ווי פינצטער, ווי ביטער,
וואָס וועט פון איר ווערן, וואָס קען ער איר געבן,
עס זאָגט אים זיין הוסט ווי לאַנג ער קען לעבן...

איר מאַמע

דער קברות־מאַן האָט אין די ביכער פאַרשריבן,
אַז מרים׳לס מאַמע איז אַן אלמנה געבליבן,
פאַר דינסטן געגעבן די עלטערע קינדער,
זיך און די קלענסטע דערנערט זי אַצינדער.

מיט צוויי שווערע קערב דורך שניי און דורך רעגן
גייט מרים׳לס מאַמע דעם לעבן אַנטקעגן.
אַליין זי דאָס פערדל, אַליין זי דער וואָגן,
זי וויל זיך חלילה פאַר קיינעם ניט קלאָגן.

גאָט איז אַ פאָטער, גאָט איז אַ גוטער,
ער וועט ניט פאַרלאָזן אַ קינד מיט אַ מוטער.
מיט איר באָבעס אַ טוך דעם קאָפּ זיך פאַרבונדן,
מיט צעלעכערטע שיך, ווי די אידישע וואונדן.

מיט בלאָטעס, מיט שנייען די גאַס איז פאַרשלומפּערט.
איר יאַקע, די גראָבע, שווער, אומגעלומפּערט.
זיווישט זיך דעם שווייס פון יונגלעכן שטערן
און מורמלט אַ תפילה — גאָט וועט שוין הערן.

זי מאַכט פון איר פראַצע אַ שפּיל, אַ קאַטאַוועס,
אַבי ניט אָרומגיין און בעטן נדבות.
זי האָט פאַר זיין טויט איר ליבסטן געשוואוירן,
זי בלייבט אַן אלמנה אירע גאַנצענע יאָרן.

גייט זי און קייט אַ נעכטיקן בייגל
און הערט ווי עס זינגען די ערשטינקע פייגל:
ווייזט זיך איר אויס, אַז די פייגעלעך ריידן,
אַז זיי האָבן געזען איר מאַן אין גן־עדן.

דערלעבט זי דעם פרילינג, די בלומען, די גראָזן,
האָט זי חברים: ווערווערקעס, האָזן.
וואַרפט זי זיי ברעקעלעך ברויט אויף די וועגן,
וואַשט זיך די הענט אין פאַרטאָגיקן רעגן.

דעם רוקן דעם מידן זי קען ניט אויסגלייכן,
שלעפט אַלץ און שלעפט די קערב פאַרן רייכן.
זיי וואַרטן אויף איר, אַז זי זאָל זיי אויפוועקן,
מיט ווייַנטרויבן, באָרן און פרישע געבעקן.

די אויגן פאַרלאָפן, די ליפּן פאַרשמאַכטע,
גייט זי אַזוי זיך אַ שטילע, פאַרטראַכטע.
זי וויל זיך ניט קלאָגן און גאָרנישט ניט ריידן,
זי האָפט נאָר צו זען איר מאַן אין גן־עדן.

און מירעלע ליגט און וואַרט אויף דער מאַמען,
פאַרוואָס דאַרף איר מאַמע זיך זאַמען און זאַמען?
קוקט זי צום טיר מיט אייגעלעך אָפן,
ווייַנט נאָך אַ ווײַלע און ווערט באַלד אַנטשלאָפן.

אַ ווייבל אָן קינדער, וואָס וואוינט דאָ אין געסל,
ברענגט איר צוטראָגן טיי אין אַ פלעשל.
און איז עס איר ווייניג צו שטילן דעם הונגער —
ליגט זי און זויגט זיך איר אייגענעם פינגער.

זי ווייס שוין דעם קונץ יענעם גליקלעך צו מאַכן,
זי קוקט אויפן ווייבל און הויבט אָן צו לאַכן.
ווערט גלייך דאָס ווייבל פריילעך און וואַרעם,
נעמט זי דאָס קינד צו זיך אין איר אָרעם.

עס קומט אויך די רייכע פרוי צירע־ציפּל
און שטאָפּט איר אין מיילכל ברויט אין אַ קניפּל.
און פרעגט ביי דעם בורא: זאָג מיר דעם וואונדער,
ווי קומען אין קעלער דאָ שייניקע קינדער?

צוזאַמען מיט שטערן, מיט נאַכט און לבנה,
קומט אָן אין קעלער די מידע אלמנה.
זי דעקט צו דאָס קינד און וואַשט אויס דעם קעלער,
פאַרגרייט פאַרן קינד ברויט אין אַ טעלער.

גיסט אויס דאָס וואַסער, וואָס טריפט אין די שערבלעך,
און זעצט זיך אָוועקעט פאַרריכטן די קערבלעך.
און בעט, אַז איר צער זאָל לאַנג שוין ניט נעמען,
און גאָט זאָל זי אויכעט צו זיך אָוועקנעמען.

מירעלע וויל ניט שטאַרבן

אַז דער ווינטער קומט אָן, מיט מאָזלען, מיט פּאָקן,
לויפן אום מאַמעס פאַרווייַנט און דערשראָקן.
די קינדערלעך ברענען, הוסטן און כריפּען,
די אייגלעך פאַרמאַכט, פאַרטריקנט די ליפּן.

רופט מען אַריין די וויבער, די צנועות,
מיט אַלערליי עצות און באַבסקע רפואות.
מען וויקלט אין טלית פון זיידעס און טאַטעס,
געבאַקענע ציבעלעס לייגט מען צו פּיאַטעס.

אַז קינדערלעך האַלטן נאָך אַלץ אין איין כליפּען,
לייגט מען פּאַפּירלעך מיט זענעפט צו ריפּן.
אַ טיכל מיט עסיג לייגט מען צום קעפּל
און צו די בראַנדיגע שלייפן — פאַרפראָרענע עפּל.

אַז עס העלפט ניט די זופּ פון אויל און פון קאָרע,
זעט מען אויף זיכער — דאָס איז אַן עין־הרע.
לויפט מען באַלד זוכן שפּרינצע די קרומע,
אַלט אַ יאָר הונדערט: אַ גוטע, אַ פרומע.

קומט זי אַריין פאַרסאַפּעט, פאַרהאַוועט,
געוועזן אין צען שטיבער, קוים זיך געספּראַוועט.
הויבט אויף איר קלייד מיט זיבעצן קרויזן
און נעמט וואָס אַרויס פון וואַטאַווענע הויזן.

אַ צאָן פון אַן אייזל, אַ פּאַוועס אַ פעדער,
אַ ביסעלע דזשעגעכץ פון אייזערנע רעדער;
פון אַ זעלנערס אַ מאַנטל אַ בלעכענעם קנעפּל,
און לייגט אַלץ אַריין אין אַ ליימענעם טעפּל.

עס שטייען די מאַמעס צעשראָקן און בלייך,
ווען זי שטייט און זי אָטעמט דעם גרין־גראָען רויך.
דערנאָך נעמט זי בלאָזן דעם רויך אויף די קינדער,
וואָס ליגן ווי ניט קיין דערקוילעטע רינדער.

שפּרינגט אַכצן מאָל און מורמלט אַ תפילה,
דערנאָך בלייבט זי שטיין אַ פאַרצווייפלטע, שטילע.
אַז זי זעט זייער לעבן שטייט אין סכנה,
שפּריצט זי זיי אָפּ מיט אַ ביסל השתנה.

און אַז עס שטעלט זיך ניט אָפּ די וויסטע מגפה,
לויפט מען רופן בערל דעם רופא.
קומט ער אין קעלערס און טאַפּט ווי אַ בלינדער,
זעצט זיך אַוועקעט באַטראַכטן די קינדער.

טאַפּט זיי די בייכלעך, די הערצלעך טוט פילן,
טוט אויס די ברילן, טוט אָן די ברילן;
ער שמירט זיי די העלזלעך מיט בראַנדיגער יאָדע
און גיט זיי אַ טרונק פון בראַנפען מיט זאָדע.

אַז עס העלפֿט ניט קיין זאַך, טראַכט ער אַ רגע
און זאָגט, אַז זיי דאַרפֿן זונשיין און פֿלעגע.
און דער טויט הינטער פֿענצטער וואַרט שוין און לויערט,
די מאַמע ביים וויגל פֿאַרוויינט און פֿאַרטרויערט.

די קינדער, ווי פֿיש ביי די ברעגן פֿון טייכן,
ליגן און הוסטן, קרעכצן און פֿרייכן,
און ווילן דעם טויט די הערצלעך ניט געבן
און בעטן: איך וויל לעבן, איך וויל לעבן, איך וויל לעבן!

איצט מוז מען האָבן פֿאַר קינדער דעם דאָקטער —
קומט ער צולויפֿן מיד, אַ פֿאַריאָגטער.
ער קומט נאָר אַריין אין בוידעם, אין קעלער,
קוקט אויף די קינדער און ווייס שוין דעם פֿעלער.

ער שטייט און באַטראַכט די קינדער פֿאַרדאַרטע,
ברעכט זיינע פֿינגער די ווייסע, די צאַרטע;
ער צופּט זיך זיין באָרד און בייסט זיינע ליפּן
און פֿילט אַז אַט באַלד הויבט ער אָן כליפּען.

עס קוקן די מאַמעס גלייך אין די אויגן,
ווי אַ מלאך אַ גוטער וואָלט דאָ אָנגעפֿלויגן.
ברעכן די הענט, וויינען און קלאָגן,
אָ, דאָקטער, הער ליבער, וואָס וועט איר אונז זאָגן?

צו שפּעט מיך גערופֿן, נעמט ער דערקלערן,
און ווישט אָפּ דעם שוויס פֿון זיין אײדעלן שטערן.
און קינדער לעקן פֿאַר׳שרפֿ׳עטע ליפּן
און קענען שוין מערער ניט וויינען, ניט כליפּען.

איר מאַמע איז אָוועק מיט די קערבלעך באַגינען,
פֿאַר זיך מיט איר קינד אויף ברויט צו פֿאַרדינען.
ביי מרים בת שלום די בעקעלעך ברענען,
זי קען שוין די מענטשן אַרום ניט דערקענען.

קומט דער בעל־דבר און וויל זי צונעמען,
הייבט ער זיך אָן פֿאַר זיך אַליין שעמען.
אַ פּיצל, אַ ברעקל, וואָס איז דאָ דער קונץ?
זי וועגט דאָך ניט מער ווי זעקס פונט מיט אַן אונץ.

ווי אין שניי־ווייסן זייד פֿאַר׳עקשנ׳טע פֿאַרבן —
בעט זי ביים לעבן: „אָ, איך וויל נאָך ניט שטאַרבן!"
שלאָפֿט אין דער מאַמעס צעבראָכענעם קערבל
און הערט ווי עס טריפֿן די טראָפּנס אין שערבל.

שווער איז דעם טויט פֿון שטאָט צו פֿאַרטרייבן,
עס דאַכט זיך, ער וועט דאָ אויף אייביג פֿאַרבלייבן.
פֿון בוידעם צו קעלער לויפֿט אום דער שעכטער
און קוילעט די אָרעמע זין און די טעכטער.

מיט אַ פֿעדן־שוואַרצן קעסטל אונטער קאַפּאָטע,
שלעפּט זיך רעב בערל דורך שניי און דורך בלאָטע.
ער איז שוין געוואוינט צו די טרערן און צרות,
ער נעמט אַ טויט קינד ווי אַן עוף נאָך כּפּרות.

איינעם נאָך איינעם ער טראָגט צום בית־עולם,
שווייגנדיק טרעט ער אַזוי ווי אַ גולם;
זיפֿצט און טראַכט וואָס עס זאָגט אים זיין דוואָשע.
אַז גאָט זאָל זיי שיקן אַן אַנדער פּרנסה.

טרייסט ער זיך גלייך מיט אַ ווערטל אַ פֿרומען,
אַז גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען.
ער האָט קיינמאָל קיין לעבעדיק קינד ניט געהאַלטן,
דריקט ער צו זיך דעם קעסטל דעם קאַלטן.

שלעכט איז אים — ליפּען — ווען עס לויפֿן נאָך אינגלעך,
וואַרפֿן אים שטיינדלעך און שטעקן אים צינגלעך.
זי שרייען אויף אים, ווי ער וואָלט זיין שולדיג,
פֿאַרוואָס וויינט ער אַליין ניט און טרעט זיך געדולדיג.

ער שטעלט אויס אַ האַנט אַ אינגל צו כאַפּן
און טרייסלט דאָס קעסטל דער מת זאָל דאָרט קלאַפּן.
ווערן די אינגלעך בלאָס און דערשראָקן
און לויפן אַהיים צו מאַזלען און פּאָקן.

זיצנדיג שבעה זוכט מען חטאים
פאַר קינדערשן טויט, פאַר טרערן, ענוים.
פאַרהאַקט אַלע לאָדנס, פאַרהאַנגען דער שפּיגל,
מען רעדט און מען קוקט אויפן ליידיגן וויגל.

פרויקע ראַזירער עסט ראַקעס און זשאַבעס,
עס טראָגן די יונגוואַרג שירעמס אום שבת.
דוד דער אלמן רעדט צו אַ מיידל,
ציפּע די שיינע טראָגט אַ צו קורצע קליידל.

די וויסטע עבירות מען דאַרף גיין אויסזוכן.
עס שילטן די מאַמעס, די באָבעס — זיי פלוכן.
מען מוז זיי פאַריאָגן, אויטראָטן די זינדער,
וועלן אויפהערן שטאַרבן די קליינינקע קינדער.

אַזוי ווי אין שטורעם פאַרוואונדעטע פייגל,
מען זיצט און מען קלאָגט, מען עסט אַש מיט בייגל;
מען הערט גאָר ניט אויף צו וויינען, צו ריידן,
דאָס ליידיגע וויגל אין האַרצן טוט שניידן.

און מירעלע ליגט אין אַ שטרויענעם קערבל
און הערט ווי עס טריפן די טראָפּנס אין שערבל.
עס זיינען שוין עטלעכע יאָרן פאַרלאָפן
און זי ליגט און האַלט נאָך די אייגעלעך אָפן.

ביים זיידן

ווען מירעלע וועט נאָענט צו זיבן,
האָט זי די נויס פון איר מאַמען פאַרטריבן.
צווישן די צרות, הונגער און ליידן
האָט גאָט איר געגעבן אַ גוטינקן זיידן.

אין אַ שטיבל אַזאַ, ווי אַ קינדערשער חלום,
וואוינט רעב אברהם, דער פאָטער פון שלום.
זיין שטיבעלע שטייט ביים ברעג פון דער דווינע,
מיט אַ שפּיציקן דעכל און לאַדנלעך גרינע.

ווייט פון די מערק און ווייט פון די גאַסן,
די שוועל טוען כוואַליעס ווישן און וואַשן.
ווי פליטערלעך גאָלד די זעמדעלעך פינקלען,
דעם הויף און דעם דיל באַשיינען, באַשפּרינקלען.

מרימ׳ל רופט דאָס איר קליינעם גן־עדן,
וואָלט וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן ביים זיידן.
רעדט צו די כוואַליעס און מאַכט צו זיי חנ׳דלעך,
קלייבט אין אַ זעקעלע געלינקע שטיינדלעך.

איר באָבע אַ שטילע און זייער אַ בלייכע,
דער זיידע אַ קליינער, די באָבע אַ הויכע;
דער זיידע רעדט פיל, די באָבע רעדט ווייניג,
זיי קריגן זיך ניט, נאָר קיינמאָל ניט אייניג.

זי גייט פּאַוואָליע, ער איז אַ זשוואַווער,
זי ליבט די קעצלעך, מיט טויבן — ער חבר.
שטענדיג זעט איר זי פעדערן פליקן
און ער קען אייך מעשות פון פאַפּירענע בריקן.

קוקט ער אויף טויבן — וואָלט זי געשוואָרן,
אַז ער האָט זיך אַ קאָפּ די באָרד צוגעשאָרן.
אברהם, אברהם, איך קען עס ניט גלויבן,
אַ איד, אַ מלמד, זאָל ליב האָבן טויבן.

ביים ערשטינקן שטערן לייגט זי זיך שלאָפן
און ער האַלט די פענצטער זייער ברייט אָפן.
זיצט ער און קוקט אויף דער קלאָרער דווינע,
וואו עס באָדן זיך שטערן און ביימעלעך גרינע.

דעם גאַנצענעם ווינטער קנעלט ער מיט קינדער,
צו אים לויפן אינגלעך מיט פרייד און מיט וואונדער.
די קינדער אַרום, דער רבי אין מיטן,
ער לאָזט זיי באַטראַכטן דעם טייך מיט די פליטן.

די קינדערלעך לאַכן און קלאַפּן מיט צינגלעך,
זיצט זייער רבי און קוועלט פון די אינגלעך.
אַלערליי קונצן לאָזט ער זיי מאַכן
און לערנט זיי תורה אַחוץ אַלע זאַכן.

ער קריגט ניט קיין געלט פאַר לערנען די תורה,
פאַר שטאַרבן פון הונגער ער האָט ניט קיין מורא.
חיים דער גערטנער שיקט אים קאַרטאָפל,
אַ שוסטערס אַ אינגל ברענגט אים פאַנטאָפל.

אַ לעבעלע ברויט פון אַ בעקערס אַ אינגל,
עס שיקט אים דער קצב אַ האַרץ מיט אַ לינגל.
דריי אינגעלעך האָט ער — אַ שניידער דער טאַטע —
מאַכט ער אים אַ בגד און לייגט אים אַ לאַטע.

איינער אַ אינגל פון גביר הירש סטעמפל,
ברענגט אים צוטראָגן נאָפט פאַרן לעמפל.
אַזוי גייט עס שטענדיג, אַזוי איז כסדר
ביי מרים בת שלומ׳ס זיידן אין חדר.

די רבי׳צן זיצט אין אַ ווינקל אַ שטילע,
פאַר אידישע כלות זי מורמלט אַ תפילה;
פאַר אינגלעך וואָס לאָזן צופרידן די קעצלעך,
קאָכט זי אָפּ באָב און באַקט פאַר זיי פלעצלעך.

ביים טייך

עס זיצט לעבן טייך אַ קינד מיט איר זיידן,
עס קוקט אויפן וואַסער און הויבט אָן צו ריידן:
דער קליינער אברהם, דער טאַטע פון שלום,
פאַר זיין אייניקל וועבט איר קינדערשן חלום.

דער אַלטער הויבט אָן און גלעט זיך זיין באָרד:
די כוואַליע וואָס שפרינגט איז אַ קעניגס אַ פערד,
אַ גלאַטינקע כוואַליע, באַטייט — אַ בריוול,
און צוויי לאַנגע כוואַליעס — צוויי נייאינקע שטיוול.

דריי שטערן צוזאַמען — יתומים׳לעך שוועסטער,
דער שטערן, וואָס לויפט — דער רייטער, דער גרעסטער.
שטיל איז די נאַכט, מען הערט נאָר די גרילן,
זיי זיצן ביים וואַסער, זיי זינגען און שפּילן.

זי טוליעט זיך צו צום טייערן זיידן
און וויל אים נאָך הערן ריידן און ריידן;
די ענטלעך פאַרלייגט, די אויגן פאַרמאַכטע,
זיצט זי אַזוי אַ שטילע, אַ פאַרטראַכטע.

זי זיצט און זי הערט, זי הייבט אָן צו קווענקלען:
ס׳איז אַלץ דאָך באַשאַפן, אַז מ׳זאָל איר געפעלן.
די ווייטע, די גוטע, די רונדע לבנה,
וואָס איז דאָך איר מאַמע, די יונגע אלמנה.

פאַר איר איז געשאַפן די בלומען, די צוויטן,
שומרים דיביימער — דעם טייך זאָלן היטן.
די קלייניקנקע שיפלעך, וואָס איילן און שווימען,
רופן זי, מרים, דו זאָלסט צו אונז קומען.

אָט שווייגט ער, איר זיידע, און קוקט אויפן מיידל,
וואָס זיצט אַזוי שטיל, וואָס הערט אַזוי איידל;
עס פינקלען די שטערן, די נאַכט איז אַ ווייסע,
און מרים׳לס זיידע האָט ווידער אַ מעשה:

טיף, טיף אין טייך האָב איך באַגראָבן
אַ קרענצל קאָרעלן פון מיין באָבעס באָבען;
ווערסט נאָר אַ גרויסע, ווערסט נאָר אַ כלה,
גראָב איך דיר אויס די צירונג, די אַלע.

איך ווייס וואו עס ליגן באַגראָבענע שיפן,
וועל איך אַרונטער אין דעם טייך, אין דעם טיפן,
זוכן און זוכן, גראָבן און גראָבן,
אַז מרים בת שלום צירונג זאָל האָבן.

פון צווישן די גראָזן, ביימער און צוויטן
קומען צושווימען געבונדענע פליטן.
פון שטעטלעך פון וויטע זיי ברענגען געררוסן,
נעמען זיי איבער די כוואַליעס מיט קושן.

גליטשן זיך, גליטשן זיך לאַנגזאַם די פליטן,
מע דאַרף זיי ניט פירן, מע דאַרף זיי ניט היטן.
אַ שטרויענע נאַרע, אין נאַרע אַ פויער,
הויבט אָן זינגען לידלעך מיט טרויער.

און אָט קומט אַ פליט מיט אַ יונגן אַנטאָשקע;
ער שפילט זיך אַ ניגון אויף זיין קליינער האַרמאָשקע.
עס קען רב אברהם די פירער פון פליטן,
ווייל ער זיצט אויפן שוועל ווי ער וואָלט זיי דאָ היטן.

הערסט, מרימ'ל ליבע, דאָס זינגען מיט טרויער?
ער איז גאָר אַ איד, ער איז ניט קיין פויער.
גאָט האָט דעם איד אויף אַ פויער פאַרביטן,
ווייל ער האָט אַ צווייג אום שבת געשניטן.

און מרימ'ל קוקט צו דעם הימל דעם וויטן,
אַ, גאָטעניו! זאָלסט אויף אַ איד אים פאַרבייטן.
אַזוי זיצט געטוליעט אַ קינד מיט אַ זיידן —
דער הימל מיט שטערן וואַכט איבערביידן.

ווינטער

און אַט איז דער גרייז־גראָער ווינטער געקומען
און האָט דעם טייך פאַר זיך צוגענומען;
יעטווידער כוואַליע אין זילבער צעגליט ער,
אין אייז און אין שניי אַלצדינג פאַרשיט ער.

ריטשקעס און טראָפּנס כאַפּט ער, געפינט ער,
פרירט אַלץ אין איינעם, ווי ברידער פאַרבינדט ער;
מיט פרישינקן שניי ער נעמט אים פאַרדעקן
און שטייט לעבן ברעג און לאָזט אים ניט וועקן.

און מרימ׳ל פליט אויף איר זיידנס אַ שליטל,
אין איר באָבעס אַ יאַקע, אין זיידנס אַ היטל;
היידאַ אויף בערגל, אַרויף און אַרונטער,
די אייגעלעך פינקלען, די בעקעלעך צונטער.

די באָבע, דער זיידע קוקן דורך שויבן,
אַזוי ווי פאַרשפּאַרטע עלטערע טויבן.
דער זיידע קוועלט אָן פון דער שייניקער דווינע,
ער זאָגט: דאָרטן רוט אַ געטלעכע שכינה.

ביז אַט איז געקומען אַן אומגליק אַ חושך —
דאָס האָט זיך געטראָפן די ערשטע נאַכט פּסח.
אין שטיבעלע איז יום־טוב, ליכטיג אַ חיות,
פלוצלינג דערהערט מען — עס ברעכן זיך קריעס.

געוויסער! געוויסער! שרייען אינגלעך און מיידלעך,
ראַטעוועט די מצה, ראַטעוועט די קניידלעך!
מ׳קריכט אויף בוידעמער, מ׳קריכט אויף די דעכער,
די קינדערלעך טראָגט מען אַלץ העכער און העכער.

עס הייבט זיך דאָס וואַסער אויף בערג און אין טאָלן,
דער טייך ווערט אַלץ מערער און מערער געשוואָלן.
עס פליען די קריעס אַזוי ווי די שדים
און קינדערלעך קוקן אַרויס פונ׳ם בוידעם.

קלאָגן די ווייבער, עס הערן זיך שטימען,
די טאַטעס, די ברידער לאָזן זיך שווימען;
ס'טראָגן זיך בעטן, טישן און שטיבער,
דער טייך לאָזט קיין גאַס און קיין געסל ניט איבער.

עס ווערן די שטיבער אַלץ קלענער און קלענער,
עס שווימען די ענטלעך, עס קרייען די הענער
און קריעס לאַכן מיט גליקלעכן פיבער:
די דווינע איז אַריבער; די דווינע איז אַריבער!

כאַפּט מען די קינדער, מע לויפט אין די וועלדער,
דאָס וואַסער יאָגט נאָך איבער גאַס, איבער פעלדער.
ניטאָ שוין קיין סימן פון ביימער, פון גראָזן,
עס פליען די קריעס צעהוליעט, צעלאָזן.

איינס איבער צוויי און צוויי איבער זעכצן
קלאַפּן און ברעכן, וויינען און קרעכצן.
דאָס וואַסער ווערט העכער, העכער און העכער,
דערלאַנגט ביזן בוידעם, דערגרייכט צו די דעכער.

צו כאַפּן זיין תהילים איז איר זיידע געשוואומען
און מער שוין צוריק אַהיים ניט געקומען.
מען האָט אים געפונען אויף אַ לאַנגער שטיק קריע
מיטן תהילים אין האַנט, ווי די גרעסטע מציאה.

מען האָט אַט די זאַך אין דעם פּנקס פאַרשריבן
און מרים בת שלום איז מיט איר באָבען פאַרבליבן.
פלעגט זי הערן ביינאַכט ווי די כוואַליעס שטיל ריידן,
אַז זיי האָבן באַגעגנט איר טייערן זיידן.

אין מיטן דער נאַכט פלעגט דער טייך זי אויפוועקן,
דערציילן איר מעשות, זי שרעקן און שרעקן.
פלעג זי זיך לייגן אין קישן באַגראָבן
און זאָגן און בעטן צוגלייך מיט איר באָבען.

עס האָבן די שטערן פֿאַר איר זיך געזעגנט,
דער זילבערנער טייך זי געהאַלטן געבונדן.
איר שרעקט ניט דער טייך מיט דעם בייזן געוויסער,
דער טייך איז אַ שפּיגל, דער ווינט איז אַ זיסער.

שטייט זי ביים ברעג מיטביימער און בלומען
און האָפֿט אַז אַ שיף וועט פֿון ערגעץ וואו קומען,
וואָס גאָט האָט פֿון אירטוועגן אין טייך דאָ פֿאַרלאָרן,
אַ שניי־ווייסע שיף מיט גליקלעכע יאָרן.

איר ערשטינקע ליבע

און דאָ הייבט זיך אָן דער סוף און די סיבה
פֿון מרים בת שלומ׳ס ערשטינקער ליבע.
די קלייניקע מרים פֿלעג זייער ליב האָבן
צו זיצן אין שול מיט איר אַלטיטשקער באָבען.

זי זעצט זיך אַוועק צוגלייך מיט די ווייבער,
וואָס טראָגן פּאַרוקן און שפּיציגע הייבער.
זי קען זייער זיפֿץ און קען זייער ניגון,
ווען זיי וויגן די קעפּ אויך זי נעמט זיך וויגן.

זי הערט ווי זיי לייענען די צאינה וראינה,
זי זיצט לעבן זייט פֿון דער זאָגערין העניע,
זי היט פֿאַר זיי אָפּ די תּחינות, די ספֿרים,
זי פֿירט אָפּ די אַלטע אַהיים אונטער אָרעם.

זי היט אָפּ די שול ווי די אידן דעם גלויבן
און קומט אַהין אָפּט דעם שטויב אָפּצושטויבן.
זי שטעלט אויף די טישלעך טעפּלעך בלומען
און וואַרט ביז עס וועלן די ווייבער אָנקומען.

גערזאַנגען פון אונטן דערטראָגן זיך אויבן,
אין דער ווייבערשער שול ציטערן שויבן.
ס'איז ליכטיג און ציכטיג, וואַרעם און ליידיג,
כאָטש גיי און צעטאַנץ זיך ווען דיין האַרץ ווערט דיר פריידיג.

זי שטייט אין אַ ווינקל און קוקט דאָרט אַרונטער,
די פלעמלעך פון ליכט אויף די ווענט זיינען צונטער.
קיין קלאַנג פון געזאַנג ווערט ניט פאַרלאָרן,
איר דאַכט, אַז זיי זינגען — ביסט דרייצן געוואָרן!

עס לויפט דורך איר לייב אַ דינינקער ציטער,
עס שטורעמט דורך איר אַ פרילינג געוויטער.
זי שעמט זיך אַזוי, עס ווילט זיך איר וויינען,
זי ווייס ניט דערפון דעם באַדייט און די מיינען.

זינגערס אוודאי אַ הונדערט מיט זיבן,
פון אַלעמען האָט זי איין קול אויסגעקליבן.
יעטווידער גליד אין איר נעמט זיך וויגן,
איר ווערט אַזוי ליב און טייער זיין ניגון.

עס רייסט זיך דורך שויבן דעם פרילינגס באַגינען.
זי שרעקט זיך עס זאָל זי דאָ ווער ניט געפינען.
אוי, ווי עס ווילט זיך איר זינגען אַ לידל,
אַ קול'כעלע האָט זי אַזוי ווי אַ פידל.

הייבט זי אָן זינגען פון פעך־שוואַרצע אויגן,
פון פייגל, וואָס ווערן פאַרפאַלן, פאַרפלויגן,
פון מיידלעך, וואָס ליבן אַ בחור אַ שיינעם
און וויינען, און קלאָגן, און זאָגן ניט קיינעם.

פרעגן זיך בחורים איינער דעם צווייטן,
מיט ספר פאַרדעקן דעם פנים דעם רויטן:
צי איז דאָרט אַ יונגע אלמנה פאַרבליבן,
אָדער אַ שד גאָר האָט אין שול זיך פאַרקליבן?

זינגט זי אַלץ העכער, העכער און העכער,
איר קול׳כל ווי ווייך, איר ברוסט ווערט אַ בעכער.
דורך לייבער פֿון מענער אַ וואַרעמער ציטער,
ווי ביימער און צווייגן אין פֿרילינגס געוויטער.

נעמען זיך הייבן קעפּ פֿון די שטענדערס:
די דוד׳ס, די בערלס, די יאַנקלס, די סענדערס;
עס קוקן אַרויף די לערנער, די זינגער,
אַ יונגער ווערט עלטער, אַן אַלטער ווערט אינגער.

פֿאַרנאַכט ווערן זינגער שטילער און מידער,
די קעפּ אויף די שטענדערס פֿאַלן אַנידער:
אויף שטויביקע ווענט דער ניגון בלייבט איבער
און ביי איר, אין איר האַרץ, אַ פֿריליגדיק פֿיבער.

אין האַרצן ביי איר נעמט עפּעס קלאַפּן,
עס ווייזט זיך איר אויס ער קומט זי דאָ כאַפּן;
זיין קאָפּ איז געדיכט מיט פּעך־שוואַרצע לאָקן,
קוקט זי אויף אים אַנטציקט און דערשראָקן.

און ס׳ווערט איר איר בלוזקעלע אַלץ ענגער און ענגער,
די אויגן פֿיל בלויער, די צעפּ ווערן לענגער;
שטייט זי און קוקט אויף איין־אייציקן זינגער,
וואָס האַלט זי געבונדן, וואָס ווערט איר באַצווינגער.

אין דער ווייבערשער שול, אין אַ ווינקל, אַ שטילן,
טיף־טיף עפּעס פֿילט זי מאָדנע געפֿילן.
עס זאָגן די שוועסטער איר: קוק ניט אויף מענער!
מיר זיינען שוין גרויסע און דו ביסט פֿיל קלענער.

נאָר לייבל דער שמש גלויבט ניט אין שדים —
אַ טאַטע אַ רב, אַ רב פֿאַר אַן אײדים.
לויפֿט ער און זוכט אין אַלע פֿיר ווינקלען —
די זון פֿון פֿרימאָרגן אויף שויבן שוין פֿינקלען.

זעט ער אַ מיידל אַן שיך און אַן זאָקן
שטייט אין אַ ווינקל פאַרשעמט און דערשראָקן.
רייסט ער זי אַן ביי די צוויי לאַנגע צעפּלעך
און טרייבט זיך אַהיים מיט צוויי בלומען־טעפּלעך.

לעבן איר באַבען לויפט זי זיך לייגן,
הערט אים אַלץ זינגען און וויינט אויס די אויגן.
און דאָס איז די מעשה און דאָס איז די סיבה
פון מרים בת שלמה׳ס אומגליקלעכער ליבע.

אַ בריוויל דער מאַמען

שרייבט מרים איר ערשטן בריוול דער מאַמען —
אַזוי ווי איר זיידע אַ בריוול אין גראַמען:—
איך טו דיר אַצינד אַ בריוועלע שרייבן,
אַז איך קען מיט דער באַבען שוין מער דאָ ניט בלייבן.

די קאַץ איז שוין אַלט, שטענדיק זי סאָפּעט,
זי ליגט מיט דער באַבען אין בעט, און זי כראָפּעט.
איך זיץ לעבן טייך און בענק נאָכן זיידן,
ניטאָ דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן.

עס ווערט מיר שוין מיאוס די פעדערן פליקן,
דערום טו איך דיר דאָס בריוועלע שיקן: —
אַז דו קומסט ניט נאָך מיר, מאַמעניו, גלייך,
לאָז איך זיך שווימען אַריבער דעם טייך.

דאָס בריוול דערהאַלטן, נעמט די מאַמע זיך פרייען.
זי קוקט אויף די גימלען, זי קוקט אויף די פּייען:—
אַנטקעגן איר טאַטן דאַרף זי זיך שעמען,
צו קענען ווי ער וועט איר זייער לאַנג נעמען.

דערהערט וועגן שווימען, טוט זי אַ ציטער:
דאָס קינד וויל גאָר שווימען — שלעכט איז איר, ביטער.
הייבט זי אָן לויפן אַ שטאַרקע, אַ פלינקע,
ברענגען צו זיך איר קינד, איר מוזשינקע.

ביים ברעג פון דעם טייך מיט זונשיין צוזאַמען,
שטייט מרים בת שלום און וואַרט אויף איר מאַמען;
דער זאַמדיגער ברעג וואַשט זיך און צירט זיך,
דער אַלטער פאַראַם קוים וואָס ער רירט זיך.

מרימ׳ל פּאַטשט מיט די הענט, ווי אַ וויכער:—
ריר זיך, פאַראַם, גיכער שוין, גיכער!
אָט זע איך! אָט זע איך מיין מאַמעס פאַטשיילע:—
גיכער, פאַראַם, דו שברי כלי!

דער ווינט יאָגט אַריין דאָס זומערדיג קליידל
צווישן די קני פון דער יונגינקער מיידל;
אַ ווינט האָט צעשפּילט זיך מיט אַ ברעג פון איר צעפּל
און די זון האָט צעוואַרעמט איר בוזעם מיט עפּל.

דער הימל איז בלוי און דער טייך איז אַ בלאַסער...
באַרוועסערהייט טאַנצט זי אין וואַסער;
עס ווילט זיך איר שפּרינגען אין וואַסער און הוליען,
כאַפּן די כוואַליעס צו זיך און זיי טוליען.

עס זינגען די כוואַליעס גאָר נייע לידער,
די פישעלעך פרעגן: ווען קומען דאָ ווידער?
זאָג אונז פאַרוואָס דו ווילסט אונז פאַרלאָזן —
וויינען די בלימעלעך, פרעגן די גראָזן.

ווייל זי וואָס זאָגן און קען ניט דערקלערן,
ווערט פולער דער טייך מיט מרימ׳לס טרערן.
די אויגן ביי איר ווי צוויי פולע טרויבן —
אַליין, ווי אַ טויב פאַרוואָגלט פון טויבן.

זי וואַרט און זי וואַרט אַ שעה נאָך אַ שעה
און שויך, אַ דאַנק גאָט, די מאַמע איז דאָ!
זי לויפט איר אַנטקעגן אין וואַסער ביז קני,
ווי איין מענטש עס ווערן, די מאַמע און זי.

ניט געזען איר מושינקע גאַנצע דריי יאָר,
קושט זי איר פּנים און מעסט אירע האָר;
איר מיידעלע קליינע, ווי שיין און ווי גלייך:
זיי שטייען, ווי שטומע,ביים ברעג פון דעם טייך.

מרים וויל וויינען און ברעכן די פינגער;
זי ווייס דאָך איר מאַמע איז זייער פיל אינגער.
סאַמעט די האָר, און בלוי אירע אויגן:
צו וואָס איז איר מאַמע אַזוי איינגעבויגן?

אַ, מאַמעניו ליבע — וויל זי איר פרעגן:
פאַרוואָס איז דיין פּנים ווי זייד אויף אַ רעגן?
פאַרוואָס איז איין פליִיצע געוואָרן דיר העכער,
די שיך דיינע, מאַמע, פאַרוואָס זיינען מיט לעכער?

זי וויל דאָס ניט זאָגן, זי וויל ניט דערמאָנען,
אַז ס'איז שווער שוין געוואָרן איר מאַמען דערקאָנען;
באַהאַלט זי אין זיך אירע גרויסע יסורים —
שטייען מוטער און קינד, ווי צוויי ביימלעך אין שטורעם.

די מאַמע באַטראַכט איר קינדס יעדן אבר:
זי זעט איצט איר פאָטער, זאָל ער רוען אין קבר;
דיין מויל, און זיין שמייכל, זיין מינע, זיין שטערן, —
זי ווישט מיטן פאַרטעך פון די אויגן די טרערן.

מאַמעניו, וויין ניט, כ'קען דאָס ניט הערן,
מאַכט זי איר פריילעך, און ווישט איר די טרערן:—
לאָמיר זיך פאַרמעסטן ווער עס איז העכער —
זי לאַכט, און די אויגן זיינען פול ווי אַ בעכער.

כ׳בין העכער פון דיר! — פרייט זיך דאָס מיידל,
ציט איר די מאַמע אַרונטער דאָס קליידל,
קוקט אויף איר בוזעם דעם יונגן, צעבליטן,
און טראַכט — כ׳וועל דאַרפן מיין מיידל איצט היטן.

געוואַלט דער פאַראַם זאָל קומען וואָס גיכער,
איצט ווייזט זיך איר אויס, אַז עס פליט, ווי אַ וויכער
דאָס שטיבל דעם זיידנס — אַ שפּילכל, אַ פּיצל,
דאָס רויטינקע דעכל — אַ קינדערשער מיצל.

אין אַ בעקערײַ

„די שפּילכלעך דיינע, ניט האָב מער אין זינען,
איך מוז איצט פאַר דיר אַ שטעלע געפינען.“
פאַרפּוצט זי איר טאָכטער מיט בענדער און צעפּ,
און פירט זי אַוועק צו אַ בעקער אין סקלעפּ.

אין קעלער איז טונקל און הייס, ווי אין באָד,
אַרום טיש שטייען מיידלעך, רונד אין אַ ראָד;
די קעפּ צוגעבונדן מיט אייז־קאַלטע טיכלעך,
צופּן דעם טייג און וועלגערן קיכלעך.

עס קומט אָן רבי יאַנקל פון אַ זייטיגן חדר,
שטעלט אויס צו דער מאַמען זיין בלוט־רויטן גוידער;
מרים׳ען מעסט ער, פון די קאָפּ ביז די פיס,
און רעדט באַלד אַרויס געלאַסן און זיס:—

„איך נעם צו דאָס מיידל, איר זאָלט ניט פאַרגעסן,
מ׳אַרבעט ביי מיר פאַרן שלאָפן און עסן;
אַז מ׳טוט וואָס איך הייס, אַז מ׳אַרבעט אויף גיך,
קויף איך אויף פסח אַ פאַר נייע שיך.

און טאַקע באַלד גלייך דאָס מיידל פאַרבעטן:
אַ, נו לאָז מיך זען צי דו קענסט עפּעס קנעטן?
און עס שטעלט זיך אַוועק דער מאַמעס מוזשינקע
קנעטן דעם טייג מיט הענטלעך פלינקע.

מיט טרערן און ווייטאָג, די מאַמע נעמט זאָגן: —
„איך בעט אייך, רבי יאַנקל, איר זאָלט זי ניט שלאָגן;
איר מעגט אויף איר שרייען, שטראָף וועט ניט שאַטן,
געדענקט, אַז מיין מיידעלע האָט ניט קיין טאַטן.“

פון מרים׳ען קערט זי אויף גיך אָפּ איר בליק,
און קוים וואָס זי טרעפט די טיר אויף צוריק,
און מרים׳ל שטייט און זי קוקט אויף די פלאַמען,
ס׳איז שווער איר אַ קוק טאָן אַצינד אויף איר מאַמען.

די בעקערינס בלאַסע, מיט פּנים׳ער דאַרע,
פאַר מרים׳ען מאַכט מען ביים טיש שוין אַ וואַרע.
זיי טראַכטן: ס׳האָט גאָט דאָ פאַרטריבן אַ פויגל,
צו ליגן אין דר׳ערד און באַקן די בייגל.

נאָר מרים בת שלום פאַרליבט זיך אין פייער,
די העל־בלויע פלעמלעך ווערן איר טייער.
עס ווייזט זיך איר אויס, ס׳איז דאָרט דער גן־עדן;
זי זעט דאָרט איר טייערן טאַטן, און זיידן.

אויף ווענט פאַלן שאָטנס פון מיידלשע קעפּ,
די פריילעכע פלאַמען באַלייכטן דעם סקלעפּ.
עס וואַרפן זיך מיידלעך אַהער און אַהין,
די פינגער ווי שרויפן, דער גוף אַ מאַשין.

נאָר גוט ווערט די מיידלעך ווינטער ביינאַכט,
מיכל דעם פורמאַן דער פראָסט האָט געבראַכט.
זיין נאָז איז פאַרפראָרן, זיין היטל פאַרשנייט,
אַ בוטעלע בראָנפן אין בוזעם פאַרגרייט.

עס שלאָפֿט שוין רב יאַנקל אויפֿן דריטן עטאַזש:
קריגט מען צום שטיפֿן און לאַכן קוראַזש.
אַ קלאַפּ מיט די הענט, און אַ פֿיף דורך די ציין,
און עס לויכטן אויף מיידלעך מיט אידישן חן.

ס'האָט מיכל געענדיגט דעם בראָנפֿן ביז דעק,
פֿון וואַרעמען איווון ער וויל ניט אוועק;
עס הירזשעט אַרײַן פֿון דרויסן זיין פֿערד,
שרייט ער צו אים: — איך האָב דיך אין דר'ערד!

ווערט אַ געלעכטער, ווערט אַ געקוויטש,
דרויסן עס הערט זיך דעם פֿערדס אַ געריטש.
לאַכן די מיידלעך הויך אויפֿן קול,
און ס'וואַרפֿט מיכל מיט וויצן ווידעראַמאָל.

טוט ער פֿון איווון אַ בולקע אַ כאַפּ,
איין מיידל אַ קוש און דער צווייטער אַ טאַפּ,
אַ דריטער אין טאַליע אַ כאַפּ און אַ נעם,
ביז ס'כאַפּט אַרײַן מיכל דעם ריכטיגן פּלעם!

עס פֿלייסן די פֿלאַמען, עס טרעשטשעט דאָס האָלץ,
פֿונקען־דימאַנטן, טאַנצן אום שטאָלץ;
פֿליען דורך קומען אַרויס אין דער הייך,
ווי פֿליטערלעך גאָלד אין טונקעלן רויך.

אַזוי גייט די וואָך מיט פֿרייד און מיט צער,
ביז פֿרייטאָג ווערט אויס מיטן שטויב, מיטן זשאַר...
מ'וואַשט אָפּ די טישן, מ'קערט אויס דעם סקלעפּ,
און זיידענע לענטעס פֿאַרבינדט מען אין צעפּ.

און מרימ'ל פֿרייט זיך מיט אַלע צוזאַמען —
מאָרגן איז שבת, זי גייט זען איר מאַמען!
וואַשט זי די זאָקן און פּרעסט זיך איר קליידל —
זי פֿילט זיך אַזוי ווי אַן עלטערע מיידל.

רב דוד

און איצט קומט רב דוד מיט ביכער אַ פּאַק,
מיט אַ וואַלענער טוך איז פאַרבונדן זיין באַק;
ער איילט ניט, רב דוד, קוים וואָס ער קריכט,
ער וויס, אַז מ׳האָט זיך אויף אים דאָ געריכט.

ער הייבט אָן דערציילן וואו עס טוט אים אַלץ וויי,
טראָגט אַ פּאָר ברילן און קוקט איבער זיי;
נעמט אַ שמעק טאַבאַק און ניסט זיך גוט אויס
און נעמט פון זיין פּאַק אַלע ביכלעך אַרויס.

פאַרקאַמט און פאַרפּוצט אין שבת׳דיג קלייד
וואַרטן די מיידלעך מיט נייגיר, מיט פרייד:—
„גיכער, רב דוד, וואָס האָט איר געבראַכט?
גיט אונז אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט.״

„נאָט אייך אַ מעשה און לייענט צו זאַט,
פאַרגעסט נאָר ניט געבן דריי קאָפּיקעס פּריקאַט.״
כאַפּט מען די ביכלעך ביי אים פון די הענט,
מיט פרייד, ווי פון חתן דעם שענסטן פּרעזענט.

די פלעמלעך פון ליכט לויכטן אומעטיק־געל,
עס זיצן די מיידלעך אויף זעקלעך מיט מעל,
אין יעטווידער ווינקל, פאַרטיפט און פאַרטראַכט,
לייענט אַ מיידל, זי וויינט און זי לאַכט...

אָט זעט זי אַ פּאַלאַץ, אָט איז זי אין אים...
אָט זעט זי אַ פּרינץ, אָט רעדט זי צו אים,
אָט איז ער ביים טויער אויף זיין שניי־ווייסן פערד...
נאָר אַן אָרעמער מיידל האָט גאָט ניט באַשערט...

אין מיטן דערינען, גאָר אומגעריכט,
אויסגעברענט האָט זיך דאָס חלב׳נע ליכט;
דער פּאַלאַץ איז צעפאַלן... דער פּרינץ איז ניטאָ...
ס׳איז ווידער געקומען די וואָכיגע שעה.

עס שלאָפֿן די מיידלעך אין מידקייט פֿאַרזונקען,
ביי דעם אויוון זיצט מרים און קוקט אויף די פֿונקען;
עס יאָגט זיי דער ווינט פֿון ווינקל צו ווינקל,
זיי פֿליען און שטיפֿן מיט גאָלדענעם שפּרינקל.

דער קעלער געוויקלט אין שטויב, און איר טרויער,
נאָר ס׳איז לוסטיק און ליכטיק ביי יאַנקלען אין מויער.
זי הערט דאָרטן לוסטיקע, פֿריילעכע טריט,
עס ציטערט פֿון טאַנצן דער גאַנצער סופּיט.

עס רופֿט צו איר די מוזיק פֿון קלאַוויר:
עס ווייזט זיך איר אויס, אַז מ׳רייצט זיך מיט איר.
עס ווילט זיך איר ווײנען, מאָנען און פֿרעגן:
פֿאַרוואָס איז עס אַלץ נאָר פֿון זייערטוועגן?

גאָטעניו, זאָג מיר, צי איז עס גאָר ריכטיק,
דאָ אַזוי פֿינצטער — און דאָרט אַזוי ליכטיק;
זיצט זי ביים אויוון און וואַרט אויף אַן עצה,
ביז זי דערפֿילט אַ האַנט אויף איר פּלייצע.

ס׳איז פּלוצלינג פֿון ערגעץ אַ מיידל געקומען,
מיט וואַרעמע הענט און אַ פּנים אַ פֿרומען,
מיט צוויי שוואַרצע אויגן פֿון אונטער איר טיכל,
כלומר׳שט געקומען דאָ קויפֿן אַ קיכל.

זיצן זיי ביידע אַ שעה לעבן אויוון,
אויף מענטשן אויף גוטע איז מרים אַ מבין.
זאָגט איר דאָס מיידל: וואָס זיצן מיר אין קעלער?
אין דרויסן איז קילער, אין דרויסן איז העלער.

גייט מען אַרויס דורכן שניי, דורכן קלאָרן,
ווי מ׳וואָלט זיך שוין קענען פֿון יאָרן און יאָרן.
וואַך איז דאָס אויג און פֿאַרשפּיצט איז דאָס אויער,
גייט מען דורך געסלעך, דורך גאַסן און טויער.

מיט מזל געקומען צו חיים דעם שוסטער.
אַ חבר געטרייער, אַ קעמפער באַוואוסטער.
דער פּאַס־וואָרט — דריי קלעפּ מיטן פוס אינ׳ם דיל:
עס עפנט איר חיים די טיר אין דער שטיל.

ביי מרימ׳ען ציטערט פאַר שרעק יעדער אבר,
אין שטיבל איז פינצטער אַזוי ווי אין קבר;
זי ווייס ניט וואוהין מ׳וועט זי איצט פירן;
זי וואַרט און זי קלערט: וואָס וועט דאָ פּאַסירן?

ער נעמט פון זיין שטיוול אַרויס גיך אַ שליסל,
און עפנט אַ דעק פון אונטער זיין טישל.
ער לאָזט זיך אַראָפּ אין פאַרבאָרגענעם אָרט,
און מרים זי שטוינט און רעדט ניט קיין וואָרט.

אַ פּעקל מיט בלעטלעך האָט מרים געקראָגן,
זי מוז היינט ביינאַכט נאָך זיי אַלע צעטראָגן.
עס גייען די מיידלעך דורך זילבערנע וועגן,
עס הערט ניט אויף מרים דער מיידל צו פרעגן.

זיי טרעטן צוזאַמען פּלייצע צו פּלייצע,
עס דינט זי דאָס מיידל מיט וואָרט און מיט עצה;
מיט פּערענעס קלאָרע באַדעקט זיינען דעכער,
דער שניי וואַקסט אויס קלאָרער, העכער און העכער.

עס וואַכט די לבנה, די שעה איז שוין שפּעטלעך,
זי דריקט צו איר האַרצן די ליכטיקע בלעטלעך,
נאָר עס גייען זיי נאָך צוויי שוואַרצע געשטאַלטן
און ווייסן וואָס זי האָט אין בוזעם באַהאַלטן...

אַזוי זיינען מיידלעך געגאַנגען, געגאַנגען...
און גלייך הינטער זיי די צוויי שוואַרצע שלאַנגען.
אַריין אין אַ הויף און אַרויס דורך אַ טויער,
אַ ווילע באַהאַלטן זיך הינטער אַ מויער.

עס גייען זיי נאָך די שוואַרצע געשטאַלטן,
און ווייסן וואו ס'האָבן זיך די מיידלעך באַהאַלטן.
עס סקריפּעט דער שניי, די נאַכט איז אַ ווייסע,
נאָר דאָס איז נאָך אַלץ ניט דער סוף צו דער מעשה.

באַלאַדעס פון דער אַלטער היים

די באַלאַדע פון פסח

און ווידער געזיגט האָט דאָס לעבן:
באַזיגט איז די שמערצלעכע נאַכט.
ס'האָט דער נעכטן אויף גאָלדענע טאַצן
דעם פסח פון יוגנט געבראַכט.

דער יום־טוב פון זון און פון פרייהייט,
וואָס טאַנצט אום אין אָרעמען שטעטל
און וואַרפט אירע ליבלעכע שטראַלן
אויף צעבראָכענעם טישל און בעטל.

די מאַמע צעפלאַמט און פאַרהאַוועט:
זי ווייסט ניט פון מידקייט, פון קרעכצן;
אַ שניי־ווייסע הסב בעט (העסע־בעט) גרייט זי,
כאָטש דער טאַטע איז שוין טויט אַ יאָר זעכצן.

אַ געלינקער קערבל מיט מצה
שמייכלט און רייצט זיך מיט מיר.
און די מאַמע, זי היט מיינע בליקן:
טאָכטערל, קוק ניט, ניט ריר!

נעכע, די שכנה, איז גליקלעך —
אַ גוטע איז זי, כאָטש ניט רייך;
זי שרייט אונז אַריין דורכן פענצטער:
כאַנקע, כ'האָב ראָסל פאַר אייך!

און ריווע, די גראָבע, פאַרגעסט ניט —
זי גרויסט זיך און קנייטשט זיך איר גוידער;
זי שרייט אויך אַריין דורכן פענצטער:
גיט פאַרגעס, כאַנקע, קומען צום סדר!

איצט ווערט שוין די מאַמע פאַרטרויערט:
זי טראַכט וועגן טאַטן געווים.
זי קוקט אויף די נייאינקע גלעזלעך,
וואָס זיינען געגרייט אויפן טיש.

דער פרישער, געוואַשענער דיל
מיט געלינקן זאַמד אויסגעשאָטן;
מיר קוקן אויף דעם און מיר קוועלן
און וואַגן אויפן זאַמד ניט צו טרעטן.

און קוקסטו אַרויס דורכן פענצטער —
איז פסח, איז פרילינג אין שטאָט;
די זון לויפט נאָך קינדער און אַלטע,
קושט יעדן אידן זיין טראָט.

עס קומען די פון מרחץ
מיט אידישער מידקייט אין גאַנג;
די אינגלעך שפּרינגען ווי העזלעך —
מ'חזר'ט חד־גדיא־געזאַנג.

עס קריכן פאַרמאַטערטע טרעגער,
אויף הויקערס צעקאַרטשעט פון פּראַצע;
אין לעצטע פאַרמאַטערטע שעה'ן
פאַר די אָרעמע איצט טראָגן זיי מצה.

און איך טרעט ניט אָפּ פון דעם פענצטער.
די שוועסטער — זי קאָן ניט פאַרשטיין:
וואָס שטיי איך אַזוי לעבן פענצטער —
ווער דאַרף עס דען קומען צוגיין?

מיין נייאינקע קלייד איז שוין פאַרטיק,
די סטענגגע געגרייט פאַר די צעפּ;
אַ ליבע־ליד זינגט זי, מיין שוועסטער,
און פּוצט אַלץ די קופּערנע טעפּ.

איך כאַפּ דאָס געזאַנג און איך העלף איר.
עפּיס ציטערט אין האַרצן ביי מיר.
איך האָב דאָך שוין אויך אַ געליבטן,
נאָר איך שעם מיך דערציילן פאַר איר...

און אָט ער באַווייזט זיך אין פענצטער,
דורך האַרץ פליט אַ זוניקער ציטער;
עס בלאַנקען צוויי נייע קאַמאַשן,
ער גרויסט זיך מיט זיין נייעם גאַרניטור...

נאָך איידער איך לויף אים אַנטקעגן,
קומט ער אַריין אין מיין הויז...
ער לייכט ווי די זון נאָך אַ רעגן,
ער שמעקט ווי אַ פרישינקע רויז...

זיין קאָפּ איז באַגאָלדיקט מיט לאָקן,
גלייך ווי אַ סאָסנע ער שטייט,
און ווייזט אונז זיין נייעם גאַרניטור,
וואָס ער האָט דורך נעכט אויסגענייט.

אַ רינגעלע בלאַנקט אויף זיין פינגער,
אַ „זאַפּינקע" בלישטשעט פון קראַגן;
מיין שוועסטער דערזעט מיינע באַקן —
זי שמייכלט און פרעגט ניט קיין פראַגן.

מ׳רעדט זיך צונויף מיט די בליקן,
כאָטש מ׳טוט גאָר דעם מויל ניט קיין עפן.
עס וואַרט שוין אַ בענקל אין גאָרטן —
נאָכן סדר — מ׳וועט זיך דאָרט טרעפן.

נאָכן סדר מ׳וועט זיך דאָרט טרעפן...
ווינקען מיר ביידע פון ווייטן;
פלי איך אַריין אין מיין שטיבל
און הויב אָן צו טאַנצן באַצייטן.

פון טאַנצן עס וויגט זיך דאָס שטיבל,
פאַר פרייד מײַנע אויגן עס טרערן;
און יום־טוב׳דיק ווערט אויך די מאַמע —
פון איינער כאַטש פטור דאָך ווערן!

דער ווײַן האָט געפלאַמט אין די כוסות:
מײַן זיידע איז דער מלך געווען;
דער טשיפּיק ווי אַ קרוין אויף מײַן באָבען —
אַזוינס האָט איר נאָך קיינמאָל ניט געזען!

די שוועסטער געפרעגט האָט פיר קשיות,
די מאַמע האָט קניידלעך געטיילט;
פון יציאת־מצרים די מעשיות
מײַן ליבינקער זיידע דערציילט.

די באָבע — זי דרעמלט און דרעמלט,
אַזוי ווי די שטיקעלעך ליכט.
און פלעמלעך בלייכינקע, געלע
באַלייכטן דער זקנה׳ס געזיכט.

דער זיידע דערציילט און דערציילט אונז
די מעשה פון אלף ביז תי״ו (טאָף),
און איך קוק צו דער טיר און דער קלאַמקע
און טראַכט: ווען וועט נעמען אַ סוף?

„אָ, ענדיקט שוין, זיידע!״ איך בעט אים.
איך גיב דיר אַ קוש און אַ דאַנק.
אָ, זיידע, אָ, זע דעם פרילינג.
עס וואַרט ווער אויף מיר אויף אַ באַנק.

עס ענדיקט דער זיידע; איך לויף גלייך...
דער דרויסן איז פול מיט געזאַנג;
פון אָפענע פענצטער חד־גדיא
באַגלייט מיך צו ליבע מײַן גאַנג.

דער פסח — ער ברענגט מיר די יאָרן,
די ליבלעכע זוניקע טעג.
אָ, שטעטעלע מיינס! דו ליגסט איצט
אויף צעטראָטענעם, בלוטיקן וועג!

און דאָך ווען עס קומט איצט דער פסח —
טרעט אָפּ דער צער אָן א זייט:
עס קלינגט און עס זינגט אין מיין האַרצן:
איך טראַכט פון אַ גליקלעכער צייט...

דער גענעראַל און דאָס אידישע סאָלדאַטל

(באַלאַדע)

א.

דערציילט האָט די מעשה
מיין זיידע מיין מאַמען,
איז לאָמיר זיך זעצן
און רעדן צוזאַמען.

די מעשה איז אינגאַנצן
פון קאָפּ ניט פאַרטראַכט;
דאָס איז זיך פאַרלאָפן
אַמאָל אין אַ שלאַכט.

מען האָט זיך געשלאָגן
אַ יאָר באַכאַנאַנד,
אַ מענטש מיט אַ מענטש,
אַ לאַנד מיט אַ לאַנד.

ב.

ניט ווייט פון אַ וואַלד
איז געוועזן די שלאַכט:
מ׳האָט זיך געשלאָגן
ביי טאָג און ביי נאַכט.

די לעצטע צוויי ראָטעס
אויף באַרג און אין טאָל,
עס רעגנט כסדר
מיט בליי און מיט שטאָל.

קרעכצן פון זעלנער
און קלעפּ פון האַרמאַטן.
געשרייען פון זעלנער
און פייף פון גראַנאַטן.

אויף באַרג און אין טאָל
האָוועט דער טויט
און האַלט זיינע פעך־שוואַרצע
פליגלען צעשפּרייט.

עס ציטערט דער וואַלד
פון טראַך־טאַ־ראַ־ראַך!
קערפּער פון זעלנער
אויף יעטוועדער שליאַך.

און ווייט זיינען ליבסטע
און ווייט איז דאָס ברויט,
אויף צווייגן פון ביימער
וויגט זיך דער טויט.

געוואַשענע העמדער
פּאַר מענטשלעכע לייבער.
עס וואַרטן וואו קינדער
און מאַמעס און ווייבער;

עס קריכן די רגע׳ס,
מינוטן און שעה׳ן,
מען שפּריצט אָפּ מיט בלוט
דעם הימל דעם גראָען.

גאָר צוויי גענעראַלן,
אין טאָל און אויף באַרג,
באַפעלן סאָלדאַטן:
קיין פולווער ניט קאַרגט!

ג.

ביז איינמאָל אינמיטן
פון בלוטיקן שלאַכט,
נאָך אַ יאָר מיט אַ טאָג
און אַ יאָר מיט אַ נאַכט,

ווערט עס אין טאָל
שטיל אַט אַזוי,
ווי אַ פויגל וואָלט טרעטן
אין פרישינקן שניי.

שרייט אויס אַ זעלנער
מיט שרעק און מיט גרויל:
„אונז האָט זיך געענדיקט
די לעצטע שוין קויל!“

ליידיקע ביקסן
אין הענט פון סאָלדאַטן,
מיט ליידיקע מיילער
שטייען האַרמאַטן.

דער שונא אויפן באַרג
הערט מער ניט קיין שיסן —
וואָס וועט דאָ זיין,
ווען ער וועט זיך דערוויסן?...

אַ פלינקער שטאָפּעט,
צעשראָקן און ווייס,
איז געפלויגן אין טאָל
מיט די שרעקלעכע נייעס.

עס וויטאָגט זיין מויל,
ווי אַ בראַנדיקע מכה:
ס׳וועט קומען גאָר גיך
פון באַרג אַן אַטאַקע!

דער עלטסטער הערט אויס
און בייסט זיינע פינגער;
מ׳רעדט, מ׳פּלאַנירט — נאָר
עס ווערט אַלץ ניט גרינגער.

אונטן אין טאָל,
אין קעלט און אין בלאָטע,
קנייטשט זיך פאַר שרעק
די גאַנצע ראָטע.

פאַרטריקנט, פאַרהונגערט
ווי האַרבסטיקע בלומען;
זיי בעטן, דער טויט
זאָל גיכער שוין קומען.

ניטאָ קיין געווער,
ניטאָ וואו צו לויפן;
ווי מיט אייזערנע נעגל
קלאַפּט טויט אין די שלייפן.

ד.

איז אַ יונגער סאָלדאַט
געלעגן אין טאָל
מיט העל־בלויע אויגן,
מיט אינגלשן קול.

מיט פרישינקע וואַנצלעך,
מיט זיידענע האָר,
אַ אידישער בחור
פון נײַנצן יאָר.

ער האָט שטענדיק געציטערט
פאַר קוילן אין שאַרבן;
פלעגט קלאָגן: אַי, ברידער,
אַי, וויל איך ניט שטאַרבן!

געטראָגן ביים הארצן
אַ בילד פון זיין כלה,
און אָפטמאָל גע׳חלומ׳ט
פון צימעס מיט חלה.

ליגט ער אַזוי
אַ טאָג מיט אַ נאַכט;
ער וויינט שוין ניט מער,
ער ציטערט און טראַכט.

ער וואָלט זייער געוואָלט
אַ פּלאַן איצט פאַרקלערן,
אַז יעדער סאָלדאַט
זאָל געראַטעוועט ווערן.

ה.

ווי אימעצער וואָלט אים
אַ קלאַפּ טאָן אין שויב,
טוט זיך דאָס אינגל
פון טאָל גלייך אַ הויב.

עס צינדט זיך ביי אים
אין קאָפּ ווי אַ שטראַל,
ער פרייט זיך און שרייט:
„גענעראַל, גענעראַל!"

אַ גענעראַל, ווייס ער,
שלאָפט ניט אויף דר'ערד;
אין בעטן שלאָפן זיי,
האָט ער געהערט.

ציט זיך דאָס אינגל
אויס אויפן בויך
און וואַרעמט פאַרפרוירענע
הענט מיט אַ הויך.

שטיל, ווי אַ וואָרעם,
קריכט ער אויף ד'ערד —
אָ, וויפיל טויטע!
אי מענטשן, אי פערד.

ער קריכט זיי אַריבער
מיט אויגן פאַרמאַכט,
עס יאָמערט דער וואַלד,
ס'איז חושך די נאַכט.

שפּיציקע דראָטן
שניידן זיין הויט,
פון אינגלשן בלוט
זיין מאַנטל איז רויט.

ער קריכט און ער קריכט
איבער באַרג און דורך גרוב,
אַ ליכט, יאָ, אַ ליכט!
יאָ, דאָס איז זיין שטוב.

אַ פריילין ביים טיש,
און צוויי גלעזער וויין,
ווער גראַבלט אין טיר?
ווער קאָן דאָרטן זיין?

אין מיטן דער נאַכט?
אַ שפּיאָן ביי מיין טיר?
אָט לאָד איך אָן פרישינקע
קוילן פאַר דיר!

ער עפנט די טיר,
מיט אַ ביקס אין די הענט —
ס׳איז גאָר אַ זעלנער
פון זיין רעגימענט.

דאָס יונגע סאָלדאַטל
שטייט אויפן שוועל
מיט האַנט לעבן קאָפּ
ער טוט זיך אַ שטעל:

„גענעראַל! גענעראַל!
הער אויס, כ׳האָב אַ פּלאַן:
ראַטעווען קאָנען מיר
יעטוועדער מאַן!"

נאָר דער גענעראַל
פאַרקנייטשט זיך דעם שטערן,
באַטראַכט דעם סאָלדאַטל
און וויל אים ניט הערן.

אַ אינגל, אַ צוציק,
אויף וואָס קאָן ער פאַלן?...
און דער גענעראַל
טראָגט זיבן מעדאַלן.

גלעט ער און גלעט
די עפּאָלעטן,
און דאָס סאָלדאַטל
וויל ניט אָפּטרעטן.

שמייכלט אַזוי זיך
דער גענעראַל,
טראַכט אַ מינוט,
ס'אַ זעלטענער פאַל...

„אַ פלאַן מיר פאַרקלערט?
אַזוי און אַזוי?..."
און זאָגט צו דער פריילין:
„גיט אים אַן טיי."

מאַכט אים די פריילין
די טיי זייער זיס,
און וויקלט אים איין אויך
מיט טיכער די פיס.

נעמט שוין דאָס אינגל
פריילעכער ווערן,
הויבט ער אָן רעדן,
ס'איז קוים אים צו הערן:

ער דענקט, אַז דער סוד
זאָל בלייבן בייביידן;
מיר וועלן דעם וואַלד
פאַר זעלנער פאַרקליידן!

יעטוועדן בוים,
איינעם נאָך איינעם,
אָנטאָן פאַר זעלנער
און נאַרן די שונאים..."

טוט דער גענעראַל
אַ ברייטלעכן שמייכל:
אַ אידישער צוציק,
און האָט טאַקע שכל.

זאָגט ער אים: „מיר איז
דיין פּלאַן גוּ׳אַד געפעלן,
נאָר דו מוזט עס אָנטאָן
דעם וואַלד די שינעלן!..."

ז.

אין בלוטיקן טאָל
די זעלנער צוזאַמען;
מען טראַכט פון אַ קינד,
פון אַ ווייב, פון אַ מאַמען.

מ׳קוקט אין דער פינצטער
מיט האָפענונג־בליקן,
עס וואַרטן שוין פויגלען
די אויגן צו פּיקן.

פליט־אַן־דאָס־אינגל
מיט גליק אין זיין קול,
און טוט אַ באַפעל
דעם גאַנצענעם טאָל:

„אַהער גיט די היטלען!
אַהער די שינעלן!
מיר וועלן די ביימער
פאַר זעלנער פאַרשטעלן!"

דער וואַלד, דער געדיכטער,
געוויקלט אין רויך,
די זעלנער פאַרריסן די קעפּ
אין דער הויך.

מען שאַרט זיך אויף בייכער
אַ מאַן נאָך אַ מאַן;
דאָס אינגל אַפריער,
באַרוישט פון זיין פּלאַן.

די ערד איז נאָך וואַרעם
פון מענטשלעכע בלוט,
יעטוועדער צווייג
אַ שטעכיקע רוט.

די זעלנער אין וואַלד,
שטילינקערהייט,
האָבן די ביימער
פאַר זעלנער פאַרקליידט.

ח

אַ פּאַס אויפֿן הימל
האָט געוויזן: ס׳איז פֿיר;
די ראָטע אויפֿן באַרג
טוט זיך אַ ריר.

פֿאַרטאָג רייבט די אויגן
אומעטיק, פֿויל;
אַ קראָ פֿליט מיט מענטשלעכן
האָרץ אין איר מויל...

עס פֿליען־נאָך קראָען,
בייזע און שוואַרץ —
זיי האָבן פֿאַר פֿרישטיק
אַ מענטשלעכע האַרץ.

אָט קומט־אָן איינע
מיט קוויטש און מיט שפּרונג,
און ברענגט צו דער סעודה
אַ מענטשלעכע לונג.

ט.

טויזנטערביימער
גלייך אויסגעצויגן,
אין לאַנגע שינעלן,
מיט היט איבער אויגן.

אין טאָל די סאָלדאַטן,
זיי אָטעמען שטיל;
זיי טראַכטן: דאָס איז בלויז
אַ קינדערשע שפּיל.

מ׳ליגט איינגעפלאָכטן, —
אַ מענטשלעכע קייט. —
ניטאָ קיין געווער,
דערוואַרט מען דעם טויט.

י.

אַ שפּיאָן איז געקומען
צום באַרג־קאָמאַנדיר:
„דער וואַלד איז געפּאַקט,
אַן אַרמיי אָן אַ שיעור!״

„דער וואַלד איז געפּאַקט?
אַן אַרמיי אָן אַ שיעור?
איז גלייך אַטאַקירן
אַ פערטל נאָך פיר!״

פון באַרג האָט גערעגנט
מיט פייער אויף וואַלד,
און מ׳הערט ניט קיין קרעכץ,
מ׳הערט קיין געוואַלד.

„זעלנער ווי אייזן!
ווי שטיל און ווי שטאָלץ!
באַפעלט קאָמאַנדיר:
„שיסט ווייטער אין האָלץ!״

דער איינגל אין טאָל האָט
סאָלדאָטן געקושט,
דאָס בילד פון זיין מיידל
געדריקט צו זיין ברוסט.

די ראָטע אויפֿן באַרג
פֿאַרהונגערט און מאַט,
האָט באַלד שוין קיין קוילן
מער ניט געהאַט.

עס פֿאַלן און פֿאַלן
ביימער נאָך ביימער;
דער הימל דער ווייטער
אַ גרייז־גראָער שומר.

כ.

די לעצטע קויל איז
דורך וואַלד דורכגעפֿלויגן,
די זון האָט געריבן
אירע גאָלדענע אויגן.

האָט דער הימל געשמייכלט
דורך רויך און דורך פֿאַרע;
דער טאָג האָט געמאַכט
פֿאַר פֿרידן אַ וואַרע.

זיינען קראָיען צעפֿלויגן
איבער ווייט־ווייטע ימ׳ען;
האָט אַ פֿריילעכער חלום
זיך גע׳חלומ׳ט — אַ מאַמען.

אויף באַרג און אין טאָל
ווערט שטיל אַט אַזוי,
ווי אַ פֿויגל וואָלט טרעטן
אין פּוכיקן שניי.

אין די ראָטעס די בײדע
עס הײבן זיך קעפּ;
פון אַלעמענס הערצער
פאַראײביקטע קלעפּ.

ל.

דער אידישער בחור
אַ מידער, אַ בלאַסער,
האָט געטראָגן צום באַרג
אַן עמער מיט װאַסער.

גערעדט צו די זעלנער
פון צימעס מיט חלה,
געװיזן די זעלנער
דאָס בילד פון זײן כלה.

שטײען פאַראײניקט
צװײ ראָטעס סאָלדאַטן;
עס ליגן די ביקסן,
עס רוען האַרמאַטן.

די ראָטעס די צװײ
האָבן פרידן דערקלערט,
און דער באַרג און דער טאָל
האָבן לידער דערהערט...

די סטרייקערינס און פּיוויש ציגיינער

א באַלאַדע פון אַמאָל

זיצן מיר סטרייקערינס נייך,
ביי ריווע דער בלינדער אין שטוב,
דאָס לעמפּל אײנגאַנצן פאַרלאָשן —
פינצטער אַזוי ווי אין גרוב.

סוף זומער, דער גרין־בלאָער הימל
וואַרפט אויפן דאַך הויפנס שטערן.
עס קוקט דורכן קוימען לבנה,
זי וויל אויך עפּעס זען דאָ און הערן.

מיר סוד׳ענען זיך אין דער פינצטער,
ווי וואַסער בײנאַכט אין אַ טייך;
דורך לאָך אין דאַך פאַלן ברילײאַנטן
און מאַכן ריוועס שטיבעלע רייך.

ריווע זי זיצט אין אַ ווינקל,
ווי זי וואָלט אַליין אויך געווען אויסגעלאָשן...
איר אַרט ניט וואָס ער ריידן די מיידלעך,
זי וואַרט אויף די בידנע ניין גראָשן...

פאַראײניקט דורך נויט און דורך גלויבן,
באַהאַלטן פון שונא׳ס אַ בליק,
זיצן מיר סטרייקערינס ניין
און זוכן די וועגן צום גליק.

חנה די שוואַרצע און ליבע,
נעכע, דער „גאָלדענער צאָפּ“,
ציפּע דעם שניידערס, און הינדע,
גאָלדע — „דער ליימענער קאָפּ“.

דינה און מינע דער צווילינג,
קיין זאַך ניט געטאָן ווערט אָן זיי;
די ניינטע בין איך דאָרט געוועזן —
רופט זיך אָן הינדע אַזוי:

מיר סטרייקן שוין דרייסיק מעת־לעת׳ן,
דער באַלעבאָס האַלט זיך גאַנץ פעסט;
ניטאָ אין מיין שטוב וואָס צו עסן,
געקומען איז דלות אויף קעסט.

מיין מאַמע, זי וויינט און זי עגבערט —
בייסט דינה איר זיידענעם צאָפּ;
מיין טאַטע — ער שעלט און ער סטראַשעט,
שאָקלט צו ציפּע איר קאָפּ.

נעכע — זי די ערשטע געוועזן
דעם יאָך פון סטרייקן צו טראָגן.
די אויערן האַלט זי פאַרשפּיצטע
צו מיידלעך, וואָס האַלטן אין קלאָגן.

ניט זאָרגט, ניט קלערט און ניט דאגה׳עט —
בעט נעכע מיט גלויבן אין האַרץ;
אירע אויגן, ווי פייערלעך לויכטן,
אין צימער, וואו ס׳איז פינצטער און שוואַרץ.

רבקה גיט אונז איר מיינונג:
— „איך ווייס וואו די סיבה איז פאַראַן;
מ׳וואָלט שוין דעם סטרייק לאַנג געוואונען,
ווען ניט אַט־דער פּיוועש ציגאַן.

צו סטרייק־ברעכער גייט ער אין היימען
און פירט זיי גאַנץ פריי אין פאַבריק;
ער שטייט און ער היט זיי פון סטרייקער
און אין אָוונט, ער פירט זיי צוריק.

דעם גאַנצענעם טאָג לעבן טויער
היטן — בלייבט ער דאָרטן שטיין
און לאָזט ניט די מיידלעך, וואָס סטרייקן,
נעענטער צום טויער צו גיין.״

ווער איז דער פּיוועש ציגיינער ?
האָט קיינער אין שטאָט ניט געוואוסט ;
קיין מאַמע האָט אים ניט געזויגן,
קיין טאַטע האָט אים ניט געקושט.

דערציילט מען, אַז מ׳האָט אים געפונען
אין אַ נאַכט אַזאַ, שטורעמדיק קאַלט,
ביים טיר פון רב איטשע מלמד,
געווען איז ער צוויי יאָרן אַלט.

דערציילט מען — אַ דינסט איז זיין מאַמע,
זיין טאַטע איז גליקלעך און רייך ;
עס האָט אים אַ פישער געפונען
איין טאָג לעבן ברעג פון אַ טייך.

איצט איז ער אַ הויכער מיט פּלייצעס,
מיט אַ רויטן, אַ בלוטיקן קאַרק ;
ער שלאָפט ביי דעם בעדער אין קעלער
און זומער — שלאָפט ער אין מאַרק.

ער האַלט אין זיין אַרבל אַ רימען,
פּונקט ווי ער וואָלט זיין אַ סאָטסקי ;
הייבט ער אויף אייך אָן צו שרייען,
גלייך ער וואָלט זיין גראַף פּאָטאָצקי.

איז וואו נאָר מ׳דאַרף ווענען שרעקן —
נעמט מען דעם פּיוועש ציגאַן,
דערזעט איר ער קומט אייך אַנטקעגן —
אַנטלויפט איר אויף טויזנטער שפּאַן.

ער קריגט פאַר זיין אַרבעט קיין גראָשן,
ער שטעלט זיך קיינמאָל אויף קיין מקח...
גיט אים נאָר ברויט, אַן המוציא,
ווער רעדט נאָך בראָנפן מיט לעקאַך?

עס האָט שוין דער פייוול ציגיינער
ניט איין שיינער מיידל דערשראָקן.
דאָך בליצן זיינע שניי־ווייסע ציינער,
דאָך ציען זיינע פעך־שוואַרצע לאָקן.

זיצט מען, מ׳רעדט און מ׳רעכנט,
מ׳קלערט ווי דעם סטרייק צו געווינען.
נאָר אַז נעכע די קלוגע פאַרטראַכט זיך,
קומט איר אַן עצה אין זינען.

בעט זי: — הערט אויף גלייך צו זאָרגן —
אָט האָב איך אַ טייערן פּלאַן:
איינע פון אונז וועט זיך מוזן
גיין זען מיט דעם פייוועש ציגאַן.

זען זיך מיט פייוועש ציגיינער —
גייט דורך אַ ציטער אין לייב...
אַ בחור, וואָס קען ניט זיין מאַמען,
אַ איד, וועלכער האָט ניט קיין ווייב...

די פינצטערניש ווערט נאָך געדיכטער —
רוקן זיך אַלע צוזאַמען,
אַזוי ווי צעשראָקענע קינדער
אין דער פינצטער אַליין, אָן אַ מאַמען...

הייבט אונז אָן מוסר׳ן נעכע:
שוועסטער, ניט שיין, ס׳איז ניט שיין!
אַ קעמפערין האָט ניט קיין מורא,
נאָר דאַכט זיך... זי ציטערט אַליין.

איר וואָרט האָט געווירקט, עס ווערט גרינגער,
מ׳גייט זען דעם פּיוועש ציגאַן.
נאָר ווער איז דאָס העלדישע מיידל,
וואָס דורכפירן וועט אָט־דעם פּלאַן.

אַ שטריקל צעשניטן אויף ניין,
נאָר אין איינעם אַ קנופּ איז פאַראַן,
און ווער עס וועט ציען דעם קניפּל,
מוז זען זיך מיט פּיוועש ציגאַן...

די שטריקלעך גענומען האָט נעכע,
זי האַלט זיי אין הויפן גאַנץ פעסט;
די הערצער ביי יעדערן צוקן,
ווי ביי פייגל אין שטורעם, אין נעסט...

מיר גייען צו אַלע צום פענצטער,
דעם קניפּל צו זען פאַר דער ליכט,
דער הימל מיטן זילבערנעם פּנים
באַלויכט יעדער מיידלס געזיכט.

אָט ציט מען, אָט ציט מען, אָט ציט מען...
די הערצער צופּ־צופּ, און צופּ־צופּ,
אין לופט שפּרינגען שטריקעלעך ניין
און נעכע אַליין ציט דעם קנופּ!

צעציטערטע הענט אין דער לופטן,
דעם קניפּל האַלט נעכע גאָר הויך;
זי שעמט זיך אַ ביסעלע, נעכע,
זי פילט זי איז בלייכער ווי בלייך.

אַ קעמפּעריין האָט ניט קיין מורא —
געצויגן דעם קנופּ איז געצויגן!
גיבן איר מיידלעך אַן עצה:
גיי זע אים נאָר אונטער פיר אויגן...

אין מאַרק

עס דרעמלט דער מאַרק אין פאַרטאָגן
מיט טאָרבעס, האָלאָבליעס און פערד;
אַן עלנדער שלאָפט אויף אַ וואָגן,
אַ צווייטער שלאָפט אויף דער ערד.

מיט דער ברוסט צום פאַרכמורעטן הימל,
מיט טרוקענע פויסטן צוקאָפּנס,
מיט פייגל, מיט זשאַבעס און גרילן
פאַרמעסטן זיך עלנדע כראָפּען...

שאָטנס פאַרהילטע אין שמאַטעס
גייען אַרום און מ׳זוכט...
קיין שפּייז האָט דאָ קיינער געלאָזן,
שפּייט מען דורך ציין און מ׳פלוכט.

ס׳פאַרמעסט זיך מיט ברוסטיקן כראָפּען
נאַכטיק געוויין און געלעכטער,
פון פרויען, וואָס האַנדלען מיט ליבע
פון אימעצענס יונגינקע טעכטער.

דער טאָג האָט צעשניטן דעם הימל.
אַ ליכט פאַלט אויף וואָגן און וועגל;
אַ קעמפּערין קומט טאָן איר אַרבעט —
ס׳איז גלויבן איר מוטיקער זעגל.

וואו איז ער, דער פייוועש ציגיינער?
די שרעק איז ניט איבערצוטראָגן,
ווי אַ באָבע געבויגן גייט נעכע
און זוכט אים אויף יעטווידער וואָגן.

געפונען

דער טאָג האָט געריבן די אויגן,
עס געגעצט פאַרנעפּלטער הימל;
דער טוי האָט מיט טרערן באַשפּרינקלט
אַ ווייסן צעטראָטענעם בלימל.

דער קלויסטער האָט פיר מאָל געקלונגען,
די פרומע דערמאָנט זייער גלויבן;
אויפגעוועקט האָבן די גלאָקן
אין פריצישע הויפן די טויבן.

זײַנען טויבן אין מאַרק אָנגעפלויגן,
הונדערטער שניי־ווייסע טרייסטער;
אויף די הענט פון בעטלער געפלויגן,
ווערן בעטלער — פריילעכער, דרייסטער.

באַגינען האָט דעם מאַרק שײַן באַלויכטן.
אין אַ שעה אַזאַ גיין — ווערט שוין גרינגער,
אין גראָער פאַטשיילע געוויקלט,
טרעט נעכע אויף שפּיצן פון פינגער.

צי איז עס אָט־דער אין די שמאַטעס,
מיט ברודיקן זאַק אויפן קאָפּ?
צי איז עס אָט־דער וועמעס לאָקן
עס הענגען פון וואָגן אַראָפּ?

און פּלוצלינג דערהערט זי אַ שטימע,
צוויי אויגן — אַ פלאַמיקער בליק:
איך קען דיך, דו קומסט מיך דאָ זוכן,
איך האָב דיך געזען ביים פאַבריק.

זי ציטערט און לאָזט זיך אַנטלויפן,
עס פאַלט איר פאַטשיילע אַראָפּ;
פאַרטאָגיקער הימל באַגריסט זי,
איר יונגן, איר גאָלדענעם קאָפּ.

פּיִוועש דערזעט זי און שמייכלט,
ער קראַצט זיך זיין בלוטיקן קאַרק —
אַ יונגינקע מיידל געקומען
פאַרטאָג דאָ אַליין אויפן מאַרק?

זי לויפט און ער לאָזט זיך נאָך איר,
ער כאַפּט זי ביים גאָלדענעם צאָפּ;
זי ציטערט און פלאַטערט און בעט אים.
רחמנות האָט פּיִוול, לאָזט אָפּ!

ער זעט אירע העל־בלויע אויגן,
אַ בלאַסע אַזאַ, אַזוי איידל —
צום ערשטן מאָל הערט ער זיין נאָמען
אויף די ליפּן פון אַ יונגינקער מיידל...

כאַפּט ער איר דינינקע הענטל
און טוט זי צו זיך גיך אַ ציִ.
טראַכט נעכע — וועסט שטאַרבן דאָ, נעכע,
פאַרפאַלן דיין קאַמף און דיין מי...

לאָזט אָפּעט, ר' פּיִוול, לאָזט אָפּעט,
ציטערט איר שטימע פון שרעק,
און ער האַלט זי שטאַרקער און שטאַרקער:
ער'ט מורא — אַט לויפט זי אַוועק.

שטייט ער מיטן רימען אין אַרבל,
פאַר נעכען שטיל ווי אַ הון.
שטייען זיי ביידע צעלויכטן
און שטראַלן פון שטייגענדער זון.

איך בין אייך דאָ, פּיִוועש, געקומען
בעטן — ניט זייט אַזוי שלעכט;
מיר סטרייקערינס טוען דאָך סטרייקן
פאַר אַלע אָרעמע קנעכט!

קוקט ער ווי נעכע עס בעט זיך
און שטייט אַזאַ קליינע פּאַר אים;
אין צאָפּ אירן זעט ער אַ חופּה...
אַ מאַמען ער הערט אין איר שטים...

שלינגט ער די רייד אירע גערן,
עס שטעלט זיך אים עפּעס אין קעל,
ווי אייז אונטער זוניקע שטראַלן
צעגייט זיך, צעגייט זיך זיין זעל...

זאָגט ער איר — מיידל, דו ליבע,
זאָל איך שטייף ווערן דאָ ווי אַ וואַנט,
צי איך וועל אייך שטערן צו סטרייקן
אויב דו לאָזט מיר אַ קוש טאָן דיין האַנט!

שטעלט זי אים אויסעט איר הענטל
מיט פינגער ווי דינינקע צווייגן,
ער קושט זיי און נעצט זיי אין טרערן;
זי ציטערט און מוז נעבעך שווייגן.

ווישט זי זיין קוש אָן איר קליידל,
צעטומלט איז זי אַזוי שטאַרק;
עס ווילט זיך אַהיים גיכער לויפן
און עס ווילט זיך איר בלייבן אין מאַרק...

זעט ער ווי נעכע אַנטלויפט ניט,
טראַכט ער — אַ גליקלעכער סימן;
הערט באַלד דער מאַרק זיין געלעכטער,
טוט ער אַ שליידער זיין רימען.

*
**

די פאַרזאַמלונג איז ווידער געווען
ביי ריווע דער בלינדער אין שטוב;
דער לאָמפּ האָט שוין פריילעך געלויכטן
אין ריוועס פינצטערער גרוב...

מיידלעך אין רינג אַרום איר,
נעכע איז אינמיטן געשטאַנען,
און פייוועש ציגיינער — אַ קעמפער,
מיט אַלע סטרייקער צוזאַמען.

דווינסק

אַז איך האָב דערלעבט צו דערלעבן,
ווער איך דערהויבן, באַגייט;
די רויטע אַרמיי איז געקומען,
מיין דווינסק, מיין געבורט־שטאָט באַפרייט.

דווינסק האָט אַזויפיל מין נעמען —
ס'איז די פלעצער גאַיאַק און דער פלאַן.
אויף עקספלאַנעט שלאָפן די בעטלער,
ניט ווייט איז אויך אַלט־שטאָט פאַראַן.

כאַפּ איך זיך דאָרטן אַריבער,
פאַרפוצט אין אַ זומערדיק קליידל;
גוט מאָרגן דיר, שטאָט מיינע ליבע!
אָט בין איך דאָס יונגינקע מיידל.

געווען אויף דער „גריווע"ביים זיידן,
איך קום מיטן פאַראָם איצט צוריק;
אַנטקעגן עס קומען געהילצן,
געבונדן, ווי קעלבער מיט שטריק.

עס שווימען געבונדענע באַלקנס,
דער „הענדזיק" איז שטאַרק ווי אַן אָקס;
ער זינגט, און עס ענטפערט די עכאָ —
ווינט קאָמט זיינע האָר ווייס ווי פלאַקס.

וועשערינס לעבן די ברעגן —
פּאַר רייכע זיי וואַשן דאָ — גרעט;
די קליידער פאַררוקט אין די גאַרטלען,
מ׳קליפּ־קלאַפּט, מ׳זינגט און מ׳רעדט.

עס שווימען אום שיפלעך נאָך שיפלעך,
פליטערלעך זון אומעטום;
מיידלעך מיט בענדער אין לאָקן,
אינגלעך אין לאַץ מיט אַ בלום.

דער וואַסער, אַ שטילינקער, גוטער
פון כוואַלכעלעך פינגער געמאַכט;
שפּילט זיך מיט שטיינדעלעך קלאָרע,
קיצלט די שטיינדלעך און לאַכט.

זון־פאַרגאַנג וואַרפט בונטן צירונג,
עס באָדט זיך אין דווינא אַ פלאַם.
די דווינא זי זינגט אויס איר יחוס:
„איך בין דאָך אַן אָדער פון ים!“

עס קומט אַ געזאַנג פון די שיפלעך,
מ׳זינגט לידער קעגן דעם צאַר;
ביי ברעגעס עס גייען אום היטער...
נאָר עס שרעקט זיי ניט קיין געפאַר.

דער פאַראָם מיט אַ קרעכץ, מיט אַ כריפּע,
אַזוי ווי צום טייך צוגעקלעפּט;
ער כראָפּעט און סאָפּעט און לאָפּעט
מיט קרעפּטן, מיט לעצטע ער שלעפּט.

די טורמע

ריזיקע גרייז־גרויע ביימער,
וואָס מלך סאָבעצקין געדענקען,
בייגן זיך דורשטיק צום וואַסער,
אומעטיק אַלט און זיי בענקען.

גיי איך און צייל אָפּ די ביימער —
ניט צוויי, און ניט פיר, און ניט אַכט...
ביז אָט איז די ריזיקע טורמע,
וואָס שטייט ווי אַ דעמאָן פאַרטראַכט.

אין פענצטער, אין העכסטן, מיין ליבסטער —
און הונדערטער העלדן מיט אים;
שיק איך אים טרייסטיקע ווערטער,
נאָר דער ווינט האָט גע׳גנב׳עט מיין שטים.

דער וועכטער, ער דרייט אָפּ זיין פּנים —
וויל מיר ניט שטערן מיין גליק;
וואַרפט מיין געליבטער אַ טיכל,
פליט גלייך דאָס טיכל צוריק.

אָפּט טוט זיך דער טויער אַן עפן —
די שליסער — אַ קלונג און אַ קלאַפּ,
און איבער דער גאַס אַגאַראַדנע
פירט מען אַוועק אין עטאַפּ.

עס קלינגען די אייזערנע קייטן
צום טאַקט פון דעם לאַנגזאַמען גאַנג;
אַ קללה דעם צאַר אויף די ליפּן
און אין האַרצן — אַ פרייהייטס־געזאַנג.

זיי טרעטן, און טרעטן, און טרעטן,
מיט קייטן עס קלינגט יעדער ריר;
מענער, פרויען און קינדער,
מ׳שיקט זיי אַוועק קיין סיביר.

קינדער פון גאַס אַגאַראַדנע
פאַרשווינדן מיט שרעק, מיט געלויף;
מיט אויגעלעך שפּיציק, דערשראָקן —
זיי קוקן אַרויס פון דעם הויף.

די בערזע

נאָר איך כאַפּ זיך צו אויף דער בערזע.
דאָרטן איז דאָ וואָס צו זען —
מיין טייערע גאַס אָפּיצערסקע —
ס׳איז מיין היים אין אַ קעלער געווען.

עס וואָלט זיך גאָר אימעצן דאַכטן,
אַז מ׳גייט דאָ אַרום אויף שפּאַציר;
דאָך טוט מען דאָ אָפּעט פּיל אַרבעט
אין רעדלעך צו צען און צו פיר.

ריוול די גיכע אין מיטן,
שניידערקעס רונד אין אַ ראָד;
זי טיילט זיי אויס קליינינקע ביכלעך,
שטילערהייט זאָגט זיי אַ סוד...

פון קנעפּל־פאַבריק חיה ראַבקע
מיט מיידלעך אַרום זיך אַ שאָק.
זי דערמאָנט ניט פאַרגעסן צו קומען
מאָרגן צו אונזער קרוזשאָק.

קאַפּיטאַן מאָטל מיט יאַטן
און מאָטקע דער שלאָסער אינמיטן —
ווערן די מיידלעך באַלד דרייסטער,
זיי וועלן די בערזע פאַרהיטן.

מינע, די קליינע, און אַלגין,
אַסיפּ, און מאַקס מיט דער נאָז —
זיי שטייען צווישן די מאַסן,
ווי בלומען צווישן דעם גראָז.

די שוסטער, די בלעכער, די שניידער
מיט גלייכקייט און העלדישן טראָט;
די שפּייערס פאַררוקט אין די אַרבל,
פון פּאָגראָמען — זיי היטן די שטאָט...

אָט קומט אַוורעמקע דער גאַרבער
מיט זיין טייערער רעדנערשער שטים,
פּראַנטיש פאַרדרייט זיינע וואָנצעס;
די שטיוועלעך בלאַנקען ביי אים.

די גאַס האָט אַ סך צו דערציילן,
באַקאַנט יעדן קעמפער גאָר גוט.
אויף יעטווידן ווינקל פאַרגאָסן
האָט זיך דאָ אַרבעטער־בלוט!

דער רב ר׳ מאיר שמחה

דער רב מאיר שמחה קומט אָנעט;
ער איילט אין דער קהל׳שער שול.
דאָרטן גייט אָן אַ פאַרזאַמלונג,
מיט סטרייקער די שול איז איצט פול.

דער רב האָט צוויי ברייטע פּלייצעס,
אַ ברוינע באָרד ביזן ברוסט —
דעם רב ר׳ מאיר שמחה׳ס גוטסקייט
איז יעדערן גאַנץ גוט באַוואוסט.

אַז אַן אָרעמאַן פרעגט אים אַ שאלה,
דאַרף ער ניט האָבן קיין מורא;
ער ענטפערט, אַז אַלצדינג איז כשר
און נעמט גלייך אויף זיך די עבירה...

זיין שטוב איז אַ גרויסע און קיינמאָל
מאַכט זיך די טיר דאָרט ניט צו...
קום נאָר צו רבי מאיר שמחה׳ן
געפינסטו עסן און טרינקען און רו...

די שול

דער טויער פון שול איז צעעפענט,
זי האָט ניט קיין שלעסער, קיין צאַמען;
די קהל׳שע שול אַ געגרייטע,
אַזוי ווי די היים ביי אַ מאַמען.

ניטאָ דאָ קיין פּני און קיין רייכע,
קיין איד מיט קיין גאווה׳שער מינע —
ס׳האָבן אַלגין, וולאַדעק און גאָלדפאַרב
אַרונטערגערעדט דאָ פון בינע.

געזען האָט די שול פיל „סאָבראַניעס״,
און דער רב, ווי דער פאָטער דער בעסטער,
איז געזעסן אין ווינקל אַ שטילער,
זיך צוגעהערט צו „ברידער און שוועסטער״.

דאָ קומט מען פון רוסלאַנד און פוילן,
בחורים דאַר און פאַרבלייכט,
ניט איין גוטער איד האָט אין שול דאָ
זיין ציל אַלס רב שוין דערגרייכט.

די גאַס ווערט פאַרהייליקט פונ׳ם לערנען
און אָפטמאָל מ׳הערט אויך אַ קרעכץ;
עס ברענגען דאָ אָרעמע ווייבער
די לערנער אַביסל געקעכץ.

מיין באָבע פליקט פעדערן שטענדיק
און פאַקט זיי אין רייַנקע זעק;
און שלאָפט דאָ אַן עלנדער קלויזניק,
לייגט זי אַ קישן אַוועק.

אין ווינטער־טעג זעט איר אלמנות,
וואָס קריגן דאָ שליטעלעך האָלץ.
הערצע, דער שמש, צעטיילט עס —
ער שמייכלט צופרידן און שטאָלץ.

אין שטיבל, שלאָפט שלמה העשיל,
וואָס האָט ניט קיין שוועסטער און ברידער;
משוגע, ער לויפט איבער גאַסן
און בעט אַ קאָפּיקע אויף אַ סידור.

פאַר אידישע ווייבער שלעפּט וואַסער
אַזש פון דער דווינאָ ער טראָגט;
עס לויפן נאָך אים נאָך פיל קינדער —
ער שעלט זיי, ער וויינט און ער קלאָגט...

פאַדאָלסקע גאַס, די פאַרשעמטע,
מיט רויטינקן לעמפּל ביים טיר...
דאָך, צווישן אַזעלכע צוויי „הייזלעך״,
געפינט זיך די „צע־קאַ״ אַ קוואַרטיר.

ווען אין די הייזלעך ווערט פריילעך,
טומלדיק ס׳ווערט אויף דער גאַס —
אַ דרוק־מאַשין הייבט אָן צו קאַכן
שפּייז פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

העט־העט, דורך אַ פּענצטערל קליינעם
קוקן אויגן ווי פלוימען די גרויס,
ביז עס קומען צוויי אידישע טעכטער
און מ׳נעמט פראַקלאַמאַציעס אַרויס.

הערצע דער שניידער, דער כהן,
גייט איצט אַהיים פון זיין שול,
די הענט פאַרלייגט אויף זיין גאַרטל —
זיין קאָפּ, ווי אַ מילגרוים איז פול.

ער זינגט אַ לידל פון ציון,
פון מאַנדלען, שאָף און פון רינדער,
ביז ער גייט זיך אַוועק אין גאַיאַק
צו זיין ווייב מיט די זעקס קליינע קינדער.

דער ראגאטשאָווער רב קומט פון דאַוונען —
איצט מוז איך אויף גיך זיך אָפּרוקן;
די בליקן באַגראָבט ער אין ערגעץ:
ער טאָר דאָך אויף ווייבער ניט קוקן.

ווינטער און זומער אין שטריימל
מיט פוטער אויף הוט און אַ קראַגן;
דער שמש, ער לויפט נאָך דעם רבי׳ן,
לויפט נאָך און פרעגט ניט קיין פראַגן.

אין ליעטנעם סאָד

גאָס אַריין און גאָס אַרויס,
געדרייט זיך, ווי אין ראָד,
גיי איך איצט זיך אָפּקילן
אין דעם ליעטנעם סאָד.

בלימעלעך און גרעזעלעך
און מיידלעך, ווי דיביימער,
זעסטו ביימער, אייביקע,
ווי פאַרקלערטע טרוימער.

כוואַליעס פון דעם אָרקעסטער
הייבן זיך און טראָגן...
עס וואַלט זיך וועלן זיצן דאָ
ביז ס׳וועט נעמען טאָגן.

מוזיק וויגט די ביימער אום,
בלומען וויגן קעפּלעך;
אינגלעך דרייען וואָנצעלעך,
מיידלעך דרייען צעפּלעך.

פאָנאַרן דורך די ביימעלעך
קילע ווינטלעך בלאָזן,
ווילן ווילט זיך קיינעם ניט
דעם ליעטנעם סאָד פאַרלאָזן...

דער גרינער וואַלד און די רעפּאָווע —
זיי שווימען מיט העל־גרינע שטראָמען;
דער נייער בולוואַר, און דער אַלטער,
אין נעווסקי פּראָספּעקט מיט די קראָמען.

דער פּלאַץ פּאַראַד און ווייסער קלויסטער —
זיי רוקן זיך אויך אין מיין טינטער...
דער צירק אינמיטן דעם זומער,
דער קאַטאָק מיט די לעמפּעלעך ווינטער.

מאַרטירער

אַבקע רייכן מ׳האָט דאָ דערשאָסן —
אָט זע איך זיין בלוט אויפן שטיין;
איך זע אויף זיין קערפּער זיין מאַמען,
איך הער איר געשריי, איר געוויין.

זי קושט זיין צעלעכערטן רוקן
און רייסט זיך די האָר פון איר קאָפּ.
אויף זיין פאַרבלוטיקן שאַרבן
פאַלן אירע טרערן אַראָפּ.

אָט ציט זיך זיין שוואַרצע לוויה,
גרייטקייט און טרויער אין גאַנג;
איך זע די געצונדענע אויגן,
איך הער אַ טרויער־געזאַנג.

מיר גייען אין רייען געקייטלט,
מיט קללות און פלוך פאַרן צאַר;
עס ווייען די פלאַמיקע פאָנען,
מיר טראַכטן ניט איצט פון געפאַר.

עס קומען סאָלדאַטן אַנטקעגן,
שטעלן דעם ביקס אויף אונז אָן;
עס רירט זיך ניט קיינער פון פּאָסטן,
מיר הייבן נאָך העכער די פאָן.

דער שונא דערזעט אונזער גרייטקייט,
בלייבט ער פאַרגליווערט, פאַרשעמט;
אויפן שפּיץ פון אַ פלאַמיקן באַנער,
פלאַטערט אַבקעס פאַרבלוטיקטע העמד.

עס בייגן זיך, בייגן זיך קניען,
טויזנט און טויזנט אין ריי;
מ׳קלאַפּט אויס אַ פלוך צו די מערדער
מיט פיס אויפן האַרטן שאָסיי.

דער ווינט שפּילט אַ ניגון אויף פאָנען,
דער עולם דעם ניגון פאַרשטייט;
און ווייט אויפן אַלטן בית־עולם
וואַרט שוין זיין גרוב דאָ געגרייט.

מענדקע דייטש

אָט קוקט מענדקע דייטש דורך אַ שייבל,
ער זיצט און ער וואַרט אויף דער תליה;
אַ העלדישער יונגער מאַרטירער,
פון מענטשלעכער פרייהייט די זריעה.

די שטאָט האַלט אין זיך איין איר אָטעם,
און שווער איז דעם צאָרן צו צאַמען;
פאַרשפּאַרט די פאַבריקן, די קראָמען, —
עס סטרייקן אַפילו די אַמען!

זאָגט איינער — מ׳וועט אים דערשיסן;
אַ צווייטער — מ׳האָט אים געהאַנגען.
אַ דריטער — מ׳ברענט אים די אויגן;
אַ פערטער — מ׳קנייפּט אים מיט צוואַנגען.

קלאָגן און וויינען די ווייבער,
אַזוי ווי די ביימער אין שטורעם;
דינגט מען פאַר אים אַדוואָקאַטן,
ליידט מען מיט אים די יסורים.

נאָר עס העלפט ניט קיין צען זאַבאַסטאָווקעס,
קיין בעטן, קיין טרערן פון טאַטן;
פאַרלאָרן די אַלע משפטים
האָבן רוסלאַנדס די בעסטע אַדוואָקאַטן.

מאַרשירן געטרייע חברים,
לעבן דער טורמע אין רינגען —
איר וועט אונזער מענדקען ניט טויטן,
הערט מען ניט אויפעט צו זינגען.

לויפן אָן ווילדע קאָזאַקן,
און הייבן אָן נוצן נאַגייקעס;
שילטן און שלאָגן די קעמפער,
די אידישע לייבקעס און חייקעס.

שטייט לעבן טויער זיין שוועסטער,
די אויגן ווי פינצטערע טאָלן;
יעראַמאָוו׳ן האָט ער דערשאָסן,
און וועט מיט זיין לעבן באַצאָלן.

זי האַלט אין אַ פּעקל תכריכים,
ס׳האָט דער טאַטע געהייסן איר ברענגען,
און בעט זיך ביים וועכטער — זע, נעם זיי,
טו זיי אים אָן פאַרן הענגען.

פּונקט ווי פון שוסטער הירש לעקערט,
וועט קיינער ניט וויסן זיין קבר;
קלאַפּט זי איר קאָפּ אָן די שטיינער
און רייסט פון זיך יעטווידן אבר.

אויף מאָרגן דערלויבט מען חברים
דעם לעצטן מאָל זען זייער חבר,
נאָר מענדעלע איז דאָך אַ מזיק,
אַ בחור אַ פייער, אַ זשוואַווער.

עפנט דער וועכטער זיין קאַמער,
און באַזשע מאַי — וואָס האָט דאָ געטראָפן?!
אים דאַכט זיך, ס׳איז מענדקע ניטאָ מער,
ער איז פון דער טורמע אַנטלאָפן.

הייבן אָן גלאָקן צו רעווען:
אַנטלאָפן! אַנטלאָפן! אַנטלאָפן! —
נעמט מען באַזוכן זיין קאַמער,
די באַנק וואו ס׳איז מענדקע געשלאָפן.

עס ליגן דאָרט טאַקע די קליידער,
נאָר קיין מענדקע איז ניטאָ דאָרט אין זיי —
עס נעמען די וועכטער זיי טרייסלען,
עס פאַלן אַרויס בונטן שטרוי.

רעוועז די גלאָקן נאָך שטאַרקער,
שפּיר־הינט אויף טריט און אויף טראָט;
אין גאַסן אַ פרייד, אַ גדולה —
אונזער מענדקע איז ווידער אין שטאָט!

שפּינען די ווייבער לעגענדעס,
ווי אַזוי ס׳האָט די מעשה געטראָפן;
זאָגט איינע — ס׳איז אַ מלאך געקומען,
אים געראַטעוועט, ווען ער איז געשלאָפן.

ווייל ער האָט אַ גזלן פאַר׳משפּט,
וואָס מאַכט אויף די אידן פּאָגראָמען, —
וועט אייביק אין פּינקס פאַרבלייבן
דעם אינגלס געהייליקטער נאָמען.

אַ צווייטע דערציילט, אַז אַ מיידל
האָט איינמאָל אַ זעגל געבראַכט
און ער האָט די גראַטעס צעשניטן
אין אַ פינצטערער, שטורמישער נאַכט.

אַ דריטע דערציילט — אַז די גוים,
וואָס פירן די פעסלעך אַרויס,
האָבן מענדקען פאַרפּאַקט אין אַ פעסל
און געבראַכט צו זיין אייגענער הויז.

אַ פערטע — אַ אידישער שניידער
האָט אים אַ פעלכל גענייט,
און ער איז אַנטלאָפן פון טורמע
אין אַ טיגערשן פעלכל פאַרקליידט.

געוואָלט האָט די גאַנצע שטאָט וויסן
וואו קאָן זיך איצט מענדקע געפינען?
זיצט מען אין רעדלעך צוזאַמען
און ווידער זיך מעשיות צעשפּינען...

זאָגט איינער — ער האָט אים געטראָפן
טרינקענדיק טיי אין פּאַלאַטע,
אַ צווייטער דערציילט, אַז ער זעט אים
פאַרקליידט, ווי אַ אידישער טאַטע...

אַ דריטער קען שווערן — ער זעט אים,
מיט טונקעלע ברילן אויף אויגן;
דער שמש דערציילט, אַז ער זיצט גאָר
איבער אַ שטענדער געבויגן.

נאָר איינע, אַ חברטע זיינע,
אַ בריוול קריגט, גרויס ווי אַ גענעץ:
„מיין טייערע מיידל, איך בין שוין
מיט מזל אַריבער די גרענעץ."

און שפּעטער מיט צוויי צענדליק יאָרן,
פאַרפּוצט מיט אַ קאָפּ מיט אַ גרויען,
פאָרט ער צוריק אין זיין היימלאַנד —
העלפן דאָס לעבן דאָרט בויען.

מיט אויגן געווענדט צו דעם מזרח,
פלעגט ער אַלץ האָפן און האַרן...
ביז וואַנען די שעה איז געקומען —
ניטאָ מער קיין הענקער און צאַרן.

אַזוי ווי אַן אָדלער, אַ יונגער,
איז ער אַהין אָפּגעפלויגן:
זען דאָרט זיין לאַנד, די באַפרייטע,
אַליין מיט די אייגענע אויגן.

נו, ריידן שוין ווידער די שונאים,
אַ שפּין־וועב אין ווינקעלעך שפּינען:
אין אַלערליי פינצטערע ערטער
ווילן זיי מענדקען געפינען.

זאָגט איינער — מ׳האָט אים דערשאָסן,
אַ צווייטער — מ׳האָט אים געהאָנגען;
אַ דריטער — אַז ער איז אין תפיסה
פון הונגער און דורשט אויסגעגאַנגען.

און איך זע מיין העלד, דעם מאַרטירער —
ער שטייט אין די פאָדערשטע רייען,
געניסט פון די טייערע פירות,
וואָס ער האָט געהאָלפן פאַרזייען.

איך זע, ווי ער יאָגט די פאַשיסטן
און מאַכט פון זיי ריין אונזער שטאָט;
איך זע אים מיט זעג און מיט האַמער,
איך זע אים מיט הובל, מיט דלאָט.

איך זע אים אַ גליקלעכן יונגן,
איך גיי נאָך זיין יעטווידער טראָט:
אַ לויב צו דיר, לאַנד פון סאָוועטן,
פאַר קומען באַפרייען מיין שטאָט!

איך הער מיין זיידן

מיין זיידן איך זע דעם גרייז־גראָען —
איצט אין די שרעקלעכע שעה׳ן.
ער זיצט איבערן ספר געבויגן,
פאַרטיפט זיינע האַלב־בלינדע אויגן.

דעם שרעקלעכן היינט פאַר מיר זעט ער,
אין געלע, פאַראייביקטע בלעטער,
ער לייענט און לייענט די ווערטער,
שטילינקערהייט מיר דערקלערט ער:

דו זעסט אָט־די ווערטער און שורות,
ווי פון גרויע זקנים די צורות?
דאָ זאָגט זיך וואָס טרעפן וועט מאָרגן,
וואָס דער מענטש וועט אַליין זיך פאַרזאָרגן.

די ערד וועט דאָ שרפ׳ענען, ברענען,
אַ מענטש וועט אַ מענטש ניט דערקענען;
מ׳וועט שינדן, מ׳וועט שטיקן און שטעכן
און די ערע פון פרויען פאַרשוועכן.

דער טאָג וועט מיט נאַכט זיך אויסמישן,
מיט בלוט וועלן טאָלן דאַן פליסן;
די ערד וועט זיך באָדן אין פלאַקער,
אַ שווערד וועט מען מאַכן פון אַקער.

איך ציטער און דאָך וויל איך הערן...
מיינע אויגן פאַרפולטע מיט טרערן,
אַזוי ווי אַ צווייג אין געוויטער,
איך טוליע צו אים זיך און ציטער.

מיין באָבע, זי וואָגט ניט צו ריידן,
נאָר שטיל אַ וואונק טוט צום זיידן:
צו וואָס דאַרף אַ קינד אַלצדינג וויסן,
איר הערצעלע ווערט איר דאָך צעריסן.

ענטפערט מיין זיידע דער באָבען,
מיט אויגן אין ספר פאַרגראָבן:
ניטאָ זיך אַצינד וואָס צו קלעמען,
ס׳וועט דורות און דורות נאָך נעמען.

ער לייענט קאַפּיטלעך און סטראָפן
ביז ער ווערט אויפן ספר אַנטשלאָפן.
לויף איך אַוועק צו מיין באָבען,
אין איר פאַרטוך מיין קאָפּ איינצוגראָבן.

זי פאַרשאַרט אויף די שויבן פאַרהאַנגען
און זינגט מיר אויף שטילע געזאַנגען:
— שלאָף שוין, מיין מיידעלע, גיכער;
ס׳וועט ניט טרעפן פאַר דיין צייט, כ׳בין זיכער...

פאַרשלאָסן די טיר און דעם טויער,
די שטיבל פאַרהילט איז אין טרויער;
דער הימל באַשפּריבקלט מיט שטערן
און איך קאָן ניט אויפהערן קלערן...

די נאַכט ווערט אַט טונקלער, אַט העלער,
דער ספר צעעפנט — אַ געלער;
אַ שאָטן גייט אום אויף די בלעטער
און לייענט וואָס טרעפן ס׳וועט שפּעטער.

איך מאַך צו די אויגן און עפן
און פרעג, צי קאָן זיך דאָס טרעפן?
ס׳האָט מיין זיידע אַ קאַפּיטל פאַרשריבן
און אין זיין קינדס־קינד זכרון פאַרבליבן.

* * *

מיין זיידע צען איילן איצט אין קבר,
ער קאָן מער ניט רירן קיין אבר...
זיין וואָרט אָבער האָט זיך באַשטעטיקט
און איך האָב דעם גזר ניט פאַרשפּעטיקט.

איך זע ווי די ערד איז אין פלאַקער,
ווי אויף ביקס איז פאַרביטן דער אַקער.

אָט דאָס בין איך

(אַ זעלבסט־פּאָרטרעט)

ס׳האָט זיך קיינער מיט מיר ניט געפרייט
ווען איך בין געבאָרן געוואָרן;
מיין טאַטע האָט אינגלעך געוואָלט
און פאַראומערט מיין מאַמען די יאָרן.

ער האָט פון אַ קדיש גערעדט
און שטענדיק געזאָגט אין דער שטיל:
„אָ, גאָט, דו האָסט מיך געשטראָפט:
„פיר מוידן — אַן אביון׳ס קאַדריל״.

מיין טאַטע שלום באַרקאַן,
מיין מאַמע חנה׳קע ווילענץ;
מיין מאַמע — אַן אומווויסנדע פרוי,
מיין טאַטע — אַ געלערנטער מענטש.

אַ „שקאָלע״ געווען אין שטוב
מיט טישן און בענקלעך אַ סך;
מיין טאַטע שלום, דער לערער,
לערנט „פרעדמעטן״ און שפּראַך.

מיין מאַמע פלעגט היטן די שקאָלע,
פונקט ווי אַן אויג בעת אַ ווינט;
ביי איר איז געווען אַן ערע
צו פילן די טינטערס מיט טינט.

געהאַט האָט ער פיל תלמידים
און געהונגערט גאַנץ פיין אין דער שטיל,
נאָר מאַכן די יוגנט געלערנט —
אָט־דאָס איז געווען זיין ציל.

גועלערנט, געלייענט פיל ביכער.
געוואָרן פאַרדאַרט און פאַרבלייכט.
מ׳זאָגט: ער׳ט אַ בוך אָנגעשריבן,
געשטאָרבן — און גאָרניט דערגרייכט.

מיין מאַמע, אַזוי ווי מיין באָבע —
די קינדער געמוזט האָט דערנערן;
בייטאָג זיך געבאָדן אין שוויס
און ביינאַכט זיך געוויקט אין טרערן.

און איך, ווי נאָך טויזנטער קינדער,
פון אידישן אַרבעטער־קלאַס,
געוואַלגערט זיך האָב איך אין דרויסן,
אַ באָרוועסע, הונגעריק, בלאַס.

און דאָך געווען בין איך אַנדערש —
פון אָרעמע קינדער ווי איך,
אין פינצטערן, ברודיקן קעלער,
געשאַפן פּאַלאַצן פאַר זיך.

אין דער מאַמעס צעבראָכענע קערבלעך —
מיט בייגל און וואַרעמען באָב;
געזען האָב איך גאָלדענע קאַסטנס
מיט האָניג, מיט גוטס און מיט האָב.

געמאָלן פאַר זיך דעם גן־עדן —
אַ גאָלדענע שטול אין דער הויך;
ראָזשינקעס, רויטע מאַראַנצן
און די מאַמע איז מער שוין ניט בלייך.

זי זיצט אויפן שטול אַ פאַרפּוצטע
אין אַ קלייד, ווי דער זון־אונטערגאַנג —
אַרום איר שטייען ווייסע מלאכים,
מ׳שלעפערט זי איין מיט געזאַנג.

אַזוי פלעג איך טעג אַפּט אַפּליגן
פאַרוויקלט אין הונגער און קעלט,
די אויגעלעך ניט וועלן אויפמאַכן
צו דערזען מיין פינצטערע וועלט!

געוואַקסן דורך קראַנקהייט און הונגער
מיט צוויי ברוינע גלאַנציקע צעפּ,
פלייטן פון אַ צענדליק אָרקעסטערס
געהערט אין מיין לויפן אויף טרעפּ.

דערקענען אַ מיידל, אַ גוטע,
האָט מיר מיין מזל באַשערט;
זי האָט מיך אידיש געלערנט
ביז דער צאַר האָט מיין שמחה פאַרשטערט.

די מאַמע, ווי זי פלעגט אַנקוועלן —
ווי איך נעם נאָר אין האַנט דעם „טעטראַד";
גיי, קינד, און לערן זיך שרייבן,
ניט בלייב קיין אומוויסנדע מויד.

דער לערערין פלעגט זי אַנקושן,
איר בענטשן מיט טיפע געפילן,
און יעטווידן פרייטאָג צעוואַשן
ביי דער לערערינס מאַמע די דילן.

געווען איז דאָס מיידל אַ רייכע
אויף האָניג און מילך אויפגעצויגן —
אַ שטערן אַ הויכן, אַ קלאָרן,
מיט שוואַרצע, פלאַמיקע אויגן.

נו, פלעגט זי די אָרעמע קינדער
ביי איר מאַמען אין זאַל צונויפקלייבן
און לייענען מעשות פון ביכלעך,
און לערנען זיי לעזן און שרייבן.

דער טאָג, ווען איך פלעג צו איר קומען —
געווען איז מיין טאָג גאָר דער שענסטער,
ביז צאַרישע שפּיאָנען גענומען
האָבן קוקן ביי איר אין די פענצטער.

איז איין טאָג, ווען מיר זיינען געזעסן,
געזונגען, געלייענט, געשריבן;
זיינען זשאַנדאַרן געקומען —
די קינדער צעיאָגט און צעטריבן.

מ׳זאָגט, אַז מ׳האָט אָט־דאָס מיידל —
פאַרשיקט אין דעם קאַלטן סיביר,
און איך האָב צען אידישע ווערטער
זיך אויסגעלערנט שרייבן ביי איר.

צו עלף יאָר געגאַנגען פאַרדינען
אין נאָטאַנזאָנ׳ס קנעפּל־פאַבריק.
און דאָרטן דערהערט די געזאַנגען
ווי אַזוי מ׳קאָן „קומען צום גליק״.

נו, פלעג איך די לידער אויך זינגען,
פּרובירן די ווערטער פאַרשטיין;
אַליין אויך אַ שורה אָנשרייבן
מיט טשוואָק אין פאַרשימלטן שטיין.

ליגנדיק אויף דער קאַנאַפּע,
אין סקלעפּ ביי פאַרשימלטער וואַנט,
פלעג איך אַ לידל פאַרקריצן
אין שטיין מיט מיין אייגענער האַנט.

אַז מיין מאַמע דערזען האָט די לידער
אין שטיינערנעם וואַנט איינגעבויערט,
האָט זי געבראָכן די פינגער,
געבליבן פאַרטראַכט און פאַרטרויערט.

געקוקט און געקוקט אויף די ווערטער,
געווישט פון די אויגן די טרערן;
איין האַנט געלייגט אויף מיין האַרצן,
די צווייטע געלייגט אויף מיין שטערן.

אַ גאָט — היט מיין קינד פון דעם אומגליק,
ניט גיב איר דעם פונק פון איר טאַטן;
כ׳האָב אים שטענדיק געזען אַ פאַרקלערטן
און זעלטן געזען אים אַ זאַטן.

און פלעגט זי מיך כאַפּן ביים שרייבן,
פלעגט זי זיך שטעלן ביים וואַנט
וויינען: „ניט זיי ווי דיין טאַטע!"
און אַ כאַפּ טאָן דעם טשוואַק פון מיין האַנט.

דאָך פלעגט זי מיך שטענדיק פאַרשטעלן
מיט פרייד און מיט אַ זייטיקן וואונק:
אָט־דאָס איז מיין קלוגע מוזשיבקע,
גע׳ירש׳נט פון טאַטן דעם פונק.

מיט מיר זיך געהאַלטן אַן עצה,
געשלאָפן מיט מיר אין איין בעט —
מיך גערופן „די בעסטע פון אַלע",
דערציילט מיר געשיכטעס ביז שפּעט.

געקושט מיינע דינינקע פינגער.
אויף זיי האָבן טרערן גערונען;
זי פלעגט דאַכט זיך ווערן גאָר אינגער,
ווי זי וואָלט צוריק מיין טאַטן געפונען.

אַזוי האָב איך לידער געשריבן
דורך לאַנגע, דורך פראָסטיקן ווינטער,
און מיין ליבע צום ליד איז געוואַקסן,
אַזוי ווי אַ פעלד אַ צעגרינטע.

ביז איינמאָל, אַ פּורים פרימאָרגן,
ווען מ׳גיט אַלע קינדער מתּנות,
האָט מיין מאַמע אַ פעדער און טינטער
געגעבן מיר פאַר שלח מנות.

נאַ, קינד, אָט דאָס איז דיין טאַטנס,
מיט דעם האָט דיין טאַטע געשריבן,
און איך האָב זיין פעדער גענומען
און זי איז מיר אויף דורות פאַרבליבן.

צו מיינע לייענער

איך זע אייך אין וויינען און לאַכן,
איך פיל אייער צער, אייער פרייד;
איך זע הויפנס פון העלע ברילאַנטן
אין אייערע פשוט׳ע רייד.

איך וואַרעם אין זיך אייער שמייכל,
אייער קאָרענע ברויט איז ווי טאָרט;
איך טרינק אויס אַ קווערטל מיט וואַסער
און טראַכט וועגן ווין אין אַ קוואָרט.

ס׳איז אייער וואָרט מיר אַ ברודער,
איך פּאַרוועב אין געזאַנג אייער יאָך,
און כ׳גלויב עס וועט ווערן אַ יום־טוב
פון יעטווידער וואָכיקער וואָך.

פון אייער בלוט איך בין אויך אַ טראָפּן
און איר פון מיין קערפּער אַ גליד;
אויף אייביק וועט איר מיר פאַרבלייבן
אָט־דאָ אין מיין שורה און ליד!

איך האָב פאַר אייך לידער געקליבן
אין גאַסן, אין פעלד און אין הויז,
אין ריטל פון היימישן בעזים
דערזע איך אַ בליענדיקע רויז!

איינער פון מיין פאָלק

(געווידמעט יאַנקל מאַלעמוד)

אָט גייט אונזער יאַנקל — אַ זון פון מיין פאָלק!
אַזוי ווי אַ זעלנער פאַרויס מיט זיין פאָלק.
אַרעמס ווי דעמבבעס — צו שלאָגן דעם פיינט,
אַ זוניקן שמייכל געגרייט פאַר אַ פריינט.

די מעכטיקע פלייצעס פאַר'עקשנטע צוויי
קוקן אַרויס פון יעטווידער ריי;
וועקן אייך, רופן אייך: קומט אין געוועט!
אַז ס'איז קיינמאָל ניט פרי, און ס'איז קיינמאָל ניט שפּעט.

אָט זיצט איר אַ שטילער, נאָר גאָר אומגעריכט
ווערט איר באַפליגלט מיט טאַט און מיט פליכט,
און ווי ער איז וויכטיק און ווי ער איז הויך,
בלאָזט ער פון זיך ניט קיין סנאָבישן רויך.

זעלטן ווען טראַכט ער פון זיך און פון היים —
דאָרט לייגט ער ציגל, און דאָ מישט ער ליים,
און בויענדיק ווערט ער צעפרילינגט, צעבלומט,
און וואַרט צו דערלעבן די פרייד, וואָס עס קומט.

אָט שטייט ער אין מיטן, אַ רינג אַרום אים,
אויערן אָפן פאַרשפּיצט צו זיין שטים;
קוק איך אויף יאַנקלען, שטיי איך און קלער:
וואו נעמען מיר אידן מיליאָנען ווי ער?!

„ניילעבן"

מיט „ניילעבנס" אונטערן אָרעם,
ווי אַ פרומער איד מיט ספרים,
קומט זי שטענדיק אייך אַנטקעגן,
און זי הויבט אייך אָן צו פרעגן —

גיכער, גיכער, איך מוז שוין לויפן,
איך וועל זיי אַלע באַלד פאַרקויפן.
אַרטיקעלעך אַ פאַרגעניגן —
מאָרגן וועט איר שוין ניט קריגן.

שטענדיק דאַרף זי ערגעץ לויפן —
זי קלייבט זיך נאָך אַ טוץ פאַרקויפן;
איר קענט זיך ניט פון איר אויסהיטן —
וואו נאָר צוויי, איז זי אין מיטן.

איר האָט קיין געלט? איר קאָנט ניט קויפן?
— איר וועט פון שטעטל ניט אַנטלויפן.
געלט וועט איר מיר מאָרגן געבן —
אַבי איר האָט אַ נייעם לעבן.

ווען דאָס פעקל ווערט איר גרינגער,
ווערט זי פריילעכער און יינגער;
מוז זי גלייך אין אָפיס לויפן —
נאָך אַ דרייסיק כאָטש פאַרקויפן.

זי איז איינע פון אַ צעטל,
איר האָט אויך אַזאַ אין אייער שטעטל —
ווי די זעלנער אויפן פּאָסטן,
מיט וואָרט מיט ליכטיקן און פראָסטן.

מיר האָבן זי געוואָלט באַלויגען
מיט אַ נאָמען אַ שיינעם,
וואָס מיר האָבן איר געגעבן —
מיר רופן זי — דאָס נייע לעבן!

לידער בעטן זיך ביי מיר

לידער בעטן זיך ביי מיר:
„ניט בראַקיר אונז אויס!"
זיי ווילן ניט אַוועק פון מיר,
ווי קינדער פונ'ם שויס.
ווי איך לייג אַ ליד אַוועק,
הער איך ווי עס וויינט:
„נעם מיך אויך אין בוך אַריין,
איך וויל ניט זיין אַליין."
און ליב איז מיר אַ יעדעס ליד
מיט זיין אייגן חן;
אַלע זיינען קינדער מיר,
אַלע זיינען שיין.
טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד
יעדעס מיט זיין רייץ,
נעם איך זיי פאַרפוצן גלייך,
כ'פרעס אויס יעדן קנייטש.
איינעם כ'טו אַ קליין אָן,
אַ צווייטן כ'טו אָן שיך,
און דעק זיי מיט מיין פאַרטוך צו
און טוליע זיי צו זיך.
פרייען זיך די לידער מיינע,
וואַרטן שטיל און פיין;
זיי פילן שוין, אַז אין מיין בוך
וועלן זיי אַריין...

איך און מיין געצעלט

מיין הויף אַן אַ פּאַרקאַן,
אַן שלעסער מיין טיר: —
פון באַגינען ביז שפּעט
קומט מען צו מיר.

זקנים און קינדער,
מיט צער און מיט פרייד;
מיין האַרץ און מיין אויער
זיינען אָפן פאַר רייד.

איך נעם צו אַ טרער,
אַ זיפץ און אַ לאַך,
ביזן זיבעטן הימל
וואַקסט אויס מיין דאַך.

מיין טיש, מיינע שטולן,
פון פּשוט'ן האָלץ,
הערן און שמייכלען
צופרידן און שטאָלץ.

עס פאַרטראָגן מיך רייד
דאָ הויך, דאָ צום תהום;
דאָ טרערן — דאָ פרייד,
און איך ווער אַ שוואָם.

ווען פול ס'ווערט מיין האַרץ,
ווי דער שוואָם ביים ברעג ים,
צעצינדט זיך אין מיר
אַ געטלעכער פלאַם.

עס מאָנט און עס ברענט —
איך לויף צום פּאַפּיר;
עס ציטערט אין הענט
די פעדער ביי מיר.

דער הימל מיט שטערן...
עס דרעמלט די נאַכט,
און איך מיט מיין פעדער
פאַרטיפט און פאַרטראַכט.

איך זע אין די שטערן
געצונדענע ליכט
און אין יעטווידן שטערן
אַ מענטשלעך געזיכט.

זיי היטן מיין וואָרט
און פירן מיין פען,
ווי מיר וואָלטן חברים
און שותפים געווען.

מיר ווערט אַזוי פריילעך,
איך פיל אַזוי גרינג.
איך ווייס ניט פון שלאָף,
איך זיץ און איך זינג.

ס'איז שטענדיק פרימאָרגן
ביי מיר אין געצעלט;
פענצטער און טירן —
צעעפנט צו וועלט.

אין באַוועגונג

כ׳האָב היינט דיין בריוו דערהאַלטן

(צו אַ היימעשער חבר׳טע)

כ׳האָב היינט דיין בריוו דערהאַלטן,
איז מיר היינט אַזוי מין גוט...
מיט דיר צוזאַמען ווילט זיך קלייבן
יעדע פאַרלאָרענע מינוט.

אויך ווי דו — איך בין געלעגן,
אָפט אַריינגעוויינט אין קישן;
ווי גליקלעך בין איך וואָס דער פאָדים
האָט צווישן אונז זיך ניט צעריסן.

פאַרפלויגן זיינען שווארצע כמאַרעס,
אויסגעלייטערט ווערן וועגן:
ווער עס איז געווען ברוגז —
גייען איצטער זיך אַנטקעגן!

אָפט פלעג איך אויף בילדער קוקן,
וואו מיר שטייען צוויי צוזאַמען,
און די שאַנדע פון צעשיידונג
פלעגט אויף מיינע באַקן פלאַמען.

איצט, ווען ערד באַגריסט דעם וואונדער,
וואָס מיין גלויבן האָט געבראַכט —
זע איך דיינע קלוגע אויגן
אויסגעניכטערט, אויפגעוואַכט.

ניין, איך בין פון דיר ניט קליגער
און קיין נביא בין איך ניט;
דער אמת פירט אונז איצט צוזאַמען —
צעשיידן וועלן מיר זיך שוין ניט.

איך און דו און נאָך מיליאָנען
ווידער וועלן נאָענט ווערן,
ווי דורך דיקע גרויע וואָלקנס
עס לייכטן דורך די פרילינג־שטערן.

אַרבעט, אַרבעט — בערג מיט אַרבעט,
רופן, בעטן מיר און דיר;
און דער לוין פאַר אונזערע ליידן
קלאַפּט שוין אָן אין יעדנס טיר.

מיר דערמאָנען דיין נאָמען, אָלגין!

מיר שטייען אין רייען — און דערמאָנען דיין נאָמען:
דאָס האַרץ ביי יעדערן, ווי יאָרצייט־ליכט פלאַקערט;
מיר בויען דעם מאָרגן, דיין ליכטיקן מאָרגן,
אויף שטיינערנער ערד, וואָס דו האָסט צעאַקערט.

מיר שטייען אין רייען — און דערמאָנען דיין נאָמען:
מיר לייענען די ווערק, וואָס דו האָסט געלאָזן;
דורך גרויזאַמען היינט, ווען בלוט ווערט פאַרגליווערט —
אונז וואַרעמט דער פלאַם, וואָס דו האָסט צעבלאָזן.

מיר שטייען אין רייען און זינגען געזאַנגען
נאָר דיר, אונזער פאָטער, נאָך דיר, אונזער ברודער;
מיר פירן דיין שיף דורך בראַנד און דורך פייער,
ס'האַלט יעטווידער חבר אַ האַנט אויפן רודער.

מיר שטייען אין רייען און זינגען געזאַנגען —
אין די געזאַנגען דאָס האַרץ הייבט אָן קלעמען —
אַ פירער וועט גיין, און אַ פירער וועט קומען, —
נאָר קיינער וועט קיינמאָל דיין אָרט ניט פאַרנעמען!

אַ ליד פאַר מוטער בלור

אַ רעטונגס־שיף דיין האַרץ;
דיין וואָרט — אַ בונט מיט ליכט;
אַ פעלז אַנטקעגן שטורעם —
דיין אייביק־יונג געזיכט.

פאַר ברויט און רעכט און גליק
געשטעלט אין קאָן דיין לעבן;
פאַר נייעם טאָג, וואָס קומט,
דיין לעב־טאָג אָפּגעגעבן.

ביסט מוטער, פירער, טרייסט,
וואו עלנט־טרערן ריגען,
דיין ליבער נאָמען — זון
אין שוואַרצע קוילן־מינען.

דו שטייסט אין פראָנט פון שלאַכטן
ביז דיין טאָג דעם גרויען,
קרוין פון אַלע קרוינען,
דו שטאָלץ פון אַלע פרויען.

ווען תפיסות וועלן פאַלן,
וועט לויפן יעדער איינער
און לייענען דיין נאָמען —
פאַרקריצט אין תפיסה־שטיינער.

איך פיל זיך קליין אַזוי
מיט מיינע אַלע לידער:
איך — אַ פונק פון קוזניע,
דו — די האַנט פון שמידער.

צו דיר, דו מוטער ליבע,
אַ ליד אַ קליינס שרייב איך,
און ווי אַ טרייער זעלנער
ביי דיין זייט פאַרבלייב איך!

פון קראַנקן־בעט

ניין, ס׳איז נאָך דער זומער ניט פאַרגאַנגען!
כאָטש אַ קעלט שרעקט די גרינע צווייגן;
אין קאַלטן ווינט הער איך אויך געזאַנגען
און פייגל רייסן דראָטן פון די שטייגן.

ניין, ס׳איז נאָך מיין זומער ניט געשטאָרבן,
כאָטש בלעטער פאַלן שוין אַרונטער,
דער הימל איז נאָך אַלץ אין פּראַכט געפאָרבן;
הימל לאַכט דורך צווייגן רויט און צונטער.

ניין, ס׳וועלן פייגל ניט פאַרפליען —
זיי וועלן אין מיין בוידעם נאָך פאַרבלייבן.
ביי דעם שטורעם וויל איך בעטן זיך צו מיען,
אַז פון מיין דאַך ער זאָל זיי ניט פאַרטרייבן.

ניין, מיין גורל, וועסט מיך ניט באַצווינגען,
כ׳בין דיר מוחל אַלע זיבן גליקן;
איך וויל נאָר קענען לידער זינגען,
הערצער טרייסטן און דערקוויקן.

אַ לייען־קרייז

(געווידמעט די לייען־קרייזן. אַ בילד)

די חבר׳טע איז פריילעך היינט,
זי איז שטאַרק פאַרנומען;
אַ קלייניקייט — אַ יום־טוב היינט,
איר לייען־קרייז דאַרף קומען!

עס שמייכלען גייע פאָרהענגלעך
אויף אויסגעפּוצטע שויבן.
די פרוי, וואָס האָט זיי אויפגעגנייט,
פילט זיך שטאָלץ, דערהויבן.

שטייט זי לעבן אַלמער איצט
און קלייבט אויס וואָס צו טראָגן;
עס ווייזט איר אויס, די קליידער אירע,
בעטן זיך און זאָגן:

מיך טו אָן, טו מיך אָן —
בעט אַ קלייד, אַ בלוזקע;
אין גלעזער־אַלמער ריידן אויך
אַ קרוזשקע צו אַ קרוזשקע.

— מ׳וועט אונז היינט אַרויסנעמען,
אונז אַלעמען צוזאַמען,
מיטן געבלימטן טישטעכל
וועלן מיר היינט זיך גראַמען.

שוין לאַנג קיין געסט דאָ ניט געזען,
זינט אַוועק די קינדער,
און דאַנקען ווילן קרוזשקעלעך
דעם לייען־קרייז דערפינדער...

די שטולן שטייען אויסגעשטעלט
ביזן בענקעלע דעם קלענסטן;
די חבר׳טע — אַ קעניגין,
אין פּאַלאַץ אין דעם שענסטן.

דער לערער און די לערערין,
די ערשטע צוויי געקומען;
די ביכער און די צייטונגען
געגרייט און ברייט צענומען.

אַט זיצן שוין די חבר׳טעס
אין אַ ראָד אַ רונדן,
פאַרפּוצטע און מיט שלייפעלעך
די לאָקן זיך פאַרבונדן.

די גאַנצע שטוב ווערט אָנגעפילט,
עס קלעקן ניט קיין שטולן;
מיר לערנען און מיר לייענען
פון פּרצ׳ן ביז סול׳ן.

פריילעכע, פאַראייניקטע,
כאָטש ריכטונגען פאַרשידן,
נאָר אַלע ווילן לערנען איצט
און אַלע זיינען אידן.

אַ חבר׳טע אַ שמחה האָט,
קומט זי אונז דערפרייען;
איר גליק פון היים, איר פרייד פון הארץ
אין לייען־קרייז פאַרזייען.

איינע דינט מיט לידער אונז,
אַ צווייטע דינט מיט זינגען,
און ווען אַ דריטע לייענט פאָר,
די ווערטער אַלע שלינגען...

נאָך יעדן טומל ווערט ווידער שטיל,
דו קענסט דעם זייגער הערן;
עס הערט יעדע פּרוי מיט טיף געפיל,
מיט קנייטשן אויפן שטערן.

אַ שטילן זיפץ, אַ וויג דעם קאָפּ,
און מער איך דאַרף ניט האָבן:
איך זע מיין היים, די אַלטע שול,
די זאָגערינס, מיין באָבען.

אין שול איז שטיל, די לעצטע זון
באַשפּינט די ווענט, די שויבן;
אינמיטן זיצט די זאָגערין
און אַלע, ווי די טויבן.

אַלע אַזוינע שטילינקע
מיט צוגעפּרעסטע ליפּן,
נאָך איין וואָרט, נאָך איין וויג
און אַט — מ׳הייבט אָן כליפּען.

גרויז איז זי, מיין באָבעניו,
איר בליק אין סידור גראָבן;
יעדעס בלאַט איז אָנגעזאַפּט
מיט טרערן פון איר באָבען.

די קליידער לאַנג, די יאַקעס ברייט,
פּאַרוקעס אויף די לאָקן,
די ברוסטן איינגעפאַלן, דיק,
די אויגן בלאַס, צעשראָקן.

זיי וויגן זיך און וויגן זיך,
זאָגן שטיל און זאָגן;
אין פאַרטוכער, אין טיכעלעך,
קלאָגן זיי און קלאָגן.

אין שול איז קאַלט און פינצטער שוין,
עס הייבט באַלד אָן צו טאָגן;
דר'עמלט איין מיין באָבעניו
אַ מידע פון איר זאָגן.

איך נעם מיין ווייס טיכעלע
און וויש איר אויס די אויגן;
אַרום איר די אידענעס,
פאַרטרויערט, איינגעבויגן.

אַזויפיל יאָרן שוין אַוועק,
מאַנאַטן, טעג עס פליסן;
פריי איך זיך, וואָס פאָדים איז
ביז איצט נאָך ניט צעריסן!

מיט בענדער אין די לאָקן איצט,
מיט שיינע, קורצע קליידער;
דער זעלבער קביטש,
דער זעלבער קלאַנג —
אַ שול עס ווערט דער חדר!

פריי איך זיך, וואָס איך געדענק:
גיין, מ'טאָר עס ניט פאַרגעסן;
ביז עס שרייט די חבר'טע:
חבר'טעס, קומט עסן!

גייען מיר צום טיש געגרייט,
מיט טערטעלעך און קאַווע;
דאָס שערצל ביי דער חבר'טע,
ווי פליגלען ביי אַ פאַווע.

אַ קריגעלע, אַ שייניקער,
אַ טישטוכל מיט צאַקען,
און קיכעלעך אַזוינע נאָר,
ווי אַ חבר'טע קאָן באַקן!

געלייענט שוין, געגעסן שוין,
גערעדט, געשפּאַסט, געזונגען,
און אַ בוך, אַ אידישן,
פאַרקויפן אונז געלונגען!

אַ „דאַים" פאַר אַ נומערל —
עס ליגט שוין אין אַ היטל;
אַ בוך געוואוינען האָט אַט־די
מיטן מזל'דיקן קוויטל.

איך פיל זיך, ווי אַ פיש אין טייך
צוזאַמען מיט די ווייבער,
וואָס לייענען, און לערנען זיך
און פאַרגעסן ניט די שרייבער.

אַלערליי

מיין ערשט ליד

ט ר י י ס ט

מיין שטיבל איז קליין,
אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן,
עס שלאָפן צוזאַמען
מיין קינד און מיין מאַן.

די טישן און בעטן
פון איינפאַכן האָלץ,
אַ שראַנקל מיט ביכער
פון מעבל דער שטאָלץ.

די אַרבעט די זעלבע,
פון בעזים צום טאָפּ,
און אָפטמאָל עס קומט
אַ געדאַנק מיר אין קאָפּ.

פאַרלאָזן דאָס אַלץ
און גיין ערגעץ וויט...
אַנטלויפן פון אַלץ
און זיך זאַמען אַ צייט.

נאָר פלוצלינג עס טוט זיך
אַן עפן די טיר,
עס לויפן אַריין
מיינע קינדערלעך צו מיר.

עס ברענגט מיר שולמית
צוויי ליפּעלעך פרייד;
עס ווייזט מיר יהודית
איר ליאַלקעס אַ קלייד.

הערצעלע שטיפער
אַ קונץ עפּעס מאַכט,
מיין קליינינקע רחל
דערציילט וואָס און לאַכט...

פאַרשוואונדן ווערט פּלוצלינג
מיין שווערער געמיט,
די פרייד זי צעזינגט זיך
אין יעטווידן גליד.

אין מיין אָרעם שטיבל
ווערט ליכטיק און רייך,
ווי אַ גאָלדענע שיף
אויף אַ זילבערנעם טייך...

צו דיר, מיין ליבער

וואָס שטייסטו אַזוי
פאַרזאָרגט און דערשראָקן,
און קוקסט אַזאַ בלאַסער
אויף די זילבערנע לאָקן?

דו האָסט זיך געביטן
אויף זילבער פון גאָלד.
איך האָב דיר, מיין טייערער,
סיי־ווי־סיי האָלט.

מיר זיינען צוזאַמען
געגאַנגען אין וועג,
דורך פרילינגס, דורך זומערס,
דורך שטורמישע טעג.

צוזאַמען געוויינט
און צוזאַמען געלאַכט,
ביז ס'האָבן יאָרן
דעם זילבער געבראַכט...

ניט שטיי לעבן שפּיגל
און ניט צייל יעדן קנייטש;
איך זע אין דיין פּנים
דעם זעלביקן רייץ.

איך זע אין דיין מינע
דעם זעלביקן וואונק;
ניט זאָרג זיך, מיין ליבער,
פאַר מיר ביסטו נאָך יונג.

און ווערן די פּעק דיר
שווערער אַציגד,
וועל איך דיר העלפן
ווי אייגענעם קינד.

איך נעם זיי אַראָפּ
מיט מאַמעשער האַנט —
מיר וועלן זיי טראָגן
צוזאַמען באַנאַנד.

עס בייטן זיך לאָקן
אויף באַיאָרגטן קאָפּ?
זיי ניט צעשראָקן,
פאַל ניט אַראָפּ.

די זון איז נאָך וואָרעם,
דער טאָג איז נאָך העל,
עס וואַרטן נאָך גליקלעכע
טעג — לעבן שוועל.

איך לערן פון די פלאַנצן

איך לערן פון די פלאַנצן
ווי אַזוי זיך צו דערגאַנצן,
ווי צו טראָגן די יסורים
דורכן גרעסטן שטורעם.

יעדער פלאַנץ באַזונדער,
באַטראַכט איך און באַוואונדער,
ווי אַזוי מיט שטאָלץ און גלויבן
זיי פּרוּאוון זיך דערהויבן.

אַ שטענגעלע אַ קלײנער
רײַסט זיך דורך די שטיינער;
אַ פלאַנץ אין בלויען העמדל
האַלט זיך אָן אַ זעמדל.

ווי דער גרעסטער עקשן,
עס האָט באַשלאָסן וואַקסן...
אָט־אָט, עס פאַלט אַרונטער
און גיט זיך אַלץ ניט אונטער!

ווען פלאַנצן נעמען דאַרן,
פיל איך די געפאַרן:
איך ווער אַזאַ מין קלײנע —
פון די פלאַנצן אײנע.

ווען ערד נעמט צו די זוימען —
זע איך מײַנע טרוימען,
ווי מײַן ניט־דערגאַנצטער וואונדער
וועט זײַן אין מײַנע קינדער.

נאָך דעם שניי

דער וואַלד איז ווייס און רואיק,
אַ צווייג — אַ דרעמלענדיקע הון;
ביימער — אויסגעפּוצטע כּלות,
אויף די קעפּ — אַ קרוין פון זון.

קרענצלעך פּערל הויך זיך וויגן
אויף די דינע קלאָרע צווייגן;
ווינטלעך עסן שניי פון ביימער —
מיינען, אַז דאָס זיינען פייגן.

שפּיגלט זיך אָן וואַלד דער הימל,
פינקלען בלוי און ווייס צוזאַמען;
דורך די ווייסע ביימער לויכטן
פעדים טונקל־גרינע פלאַמען.

זון־פאַרגאַנג וואַרפט רויטע בענדער,
בינדט צוזאַמען דינע צווייגן;
העכסטע ביימער זיינען שומרים —
היטן זיי דעם וואַלד — און שווייגן...

דער פרידלעכער ים

ווי אַ פאַרליבט אינגל
זעט אויס אַצינד דער ים,
זינגט זיך אונטער שטילע לידער
אָן שום ווערטער, אָן שום גראַם.

פאַרמעסט זיך מיטן בלויען הימל:
— איך בין שענער היינט פון דיר —
אויף די כוואַליעס שווימען פייגל,
טראָגן היט פון גאָלד־קאָליר.

קליינע דרעמלענדיקע שיפלעך
פאַלן אין אַ בלויער בעט;
עס האָט דער ים מיליאָנען אויגן
און וויל ניט זאָגן וואָס ער זעט.

פיצלעך כוואַליעס, ווי געשליפן,
איילן זיך אַוועק צום ברעג —
געוואָר ווערן קראַנקע שיפן
פאַרוואונדעט אין מלחמה־טעג.

אין אַ ביבליאָטעק

וואָרעם, ציכטיק, הייליק,
ווייט פון זאָרג און שרעק,
לאַנגע רייען ביכער —
דאָ איז אַ ביבליאָטעק.

אַלערליי קאָלירן,
ווי אַ רעגנבויגן;
לאַנגע ווייטע רייען
פאַרכאַפּן דיינע אויגן.

זע נאָר, זע, מיין שיינקייט
רעדט אַ קינדער־ביכל
אין גרין און גאָלד געבונדן,
ווי אַ פּרינצעסינס שיכל...

עפן מיינע טאָוולען,
וואָס בלאַנקען, שימערירן:
איך בין אַ שיף, איך וועל דיר
צו וואונדער־וועלטן פירן!

מיך רופט אַן אַלטער בוך,
אַ גרויער און אַ שווערער;
קוק אין מיר אַריין —
איך וועל דיר זיין אַ לערער.

אָט וויינט פאַר מיר אַ בוך,
אַ ציכטיקער, אַ שיינער:
מ'האָט מיך ניט געעפנט,
ניט געלייענט קיינער.

דערפרייט מיך גלייך אַ צווייטער,
צעבויגן און צעשפּאַלטן;
עס האָבן מיך מיליאָנען
פאַרן אויג געהאַלטן.

און איך דאָ לעבן די ביכער,
ווי אַן איין־איינציק פינטל,
ווי אינמיטן זומער
אַן איין־און־איינציק ווינטל.

מיר ווערן ביכער טייער,
ווי מיינע שיינע טעכטער;
איך וואָלט די ביבליאָטעק
באַוואַכט מיט טויזנט וועכטער.

די שלאַנג און דער עראָפּלאַן

זון לאַכט דורך וואָלקנס,
קיל איז די לופט;
די העל־בלאָע הויכקייט
פאַרמאַניעט און רופט.

הויך ביז די הימלען —
אַן עראָפּלאַן פליט;
דער ריזיקער אָדלער
אַנטקעגן — זון גליט.

העכער — און העכער —
און העכער — ווי הויך,
שיפט זיך אויף כוואַליעס
פון וואָלקנס און רויך.

ווערט קלענער און קלענער
נאָך יעטווידן ריר
און שפּילט מיט די פליגלען
אויף וואָלקנס קלאַוויר.

באַמערקט אים דערווייל
אַ פּאַפּירענע שלאַנג
און וויל אים דעריאָגן,
נאָר פּאָלג מיך אַ גאַנג!

זי מוז אים דעריאָגן,
דעם אָדלער פון שטאָל;
איר אָרט ניט זיין שטאַרקייט,
איר שרעקט ניט זיין קול.

אַ קליינע, אַ דינע —
פּאַפּיר איז איר גוף,
דאָך לאָזט זי זיך פליען
מיט פיף און אַ פוף!

זי איילט זיך צו הויכקייט,
געהויבן איר קאָפּ.
זי סאָפּעט און לאָפּעט
און פאַלט ניט אַראָפּ.

קוים וואָס עס האַלט זיך
אין איר די נשמה,
דאָך הערט זי ניט אויף
צו האַלטן מלחמה.

זי פלאַטערט געמאַטערט,
עס ציטערט איר גוף,
און פליט אַלץ און ציט אַלץ
און הערט אַלץ ניט אויף.

דער עראָפּלאַן זעט זי
און צעלאַכט זיך פון איר:
דו, פּאַפּירענער אָדלער,
פאַרמעסט זיך מיט מיר?

דו פּינטעלע קליינס,
פּאַפּירענער באַר —
דו ווילסט גאָר דעריאָגן
פון הויכקייט דעם האַר?

עס פליען ביז הימל
די שטיקלעך פּאַפּיר;
דער ווילן צו הויכקייט
ברענט אַלץ ביי איר.

פאַרריסן מיין קאָפּ
קוק איך אויף זיי,
ווי הויך צו די וואָלקנס
עס פליען די צוויי...

דעם ווערט פון געוואגטקייט
נעם איך פאַרשטיין;
מיר דאַכט, אַז „די שלאַנג״,
דאָס בין איך אַליין...

אַ גלעזל טיי

זי איז מיין גאַסט, מיין טייערע —
די גוטע גלעזל טיי;
אין אומעטיקע שעה׳ן
זיצן מיר זאַלבע צווי.

איך הער און הער מעשה׳לעך
פון דער ווייטער כינע;
איך נעם אַרום מיין גלעזל טיי,
ווי אַ טייערע פריינדינע.

איך זע אַ שפיגל פון בורשטין
אין דעם דינעם גלאָז;
דעם זילבער־גרויען רויכעלע
בלאָז איך און איך בלאָז.

שווימען אום צוויי טייעלעך,
ווייס איך דעם באַדייט —
פון מיין קינד אַ בריוועלע
איז פון מיר ניט ווייט.

שווים איך נאָך די טייעלעך,
וואָס איילן זיך און יאָגן;
זיץ אַזוי און קלער אַזוי
ביז ס׳הייבט שוין אָן צו טאָגן.

היינט..

געווידמעט דער טאַלאַנטפולער
רעציטאַטאָרין איידע ראָז,
פון נואַרק.

ס׳האַלט דער היינט אויף אונז זיין פוס
און שטיקט מיט טויזנט פונטן,
נאָר אונזער חלום שרייט דורך אונז
פון אַלע טיפע גרונטן.

עס האַלט דער היינט אַ דיקע נעץ —
מיר פּישעלעך דערינען,
בייסן מיר די גראָבע שטריק
אַן אויסוועג צו געפינען.

עס האַלט דער היינט הינטער אַ וואַנט
פרייד און גליק באַהאַלטן,
פאַרמעסטן מיר זיך אַט־דעם שטיין
מיט אונזער קאָפּ צעשפּאַלטן.

עס איז דער היינט אַ שטילער טייך
מיט אַ שוואָם אַ געלן —
שטעקן מיר אַרויס די קעפּ
צו דעם טאָג דעם העלן.

ס׳איז דער היינט אַ שטורעם־ווינט,
און שליידערט אונז פון אונטן,
וואַקסן מיר ווי לילעס אויס
דורך די טויזנט גרונטן.

מיין באַנק

לעבן מיין טיר האָב איך אַ באַנק,
פון איר אַלטן וואַלד פאַר מיר אַ געשאַנק.
פון פראָסט און פון היץ זיינען צייכנס פאַרבליבן,
ס׳האָט שטורעם און באַנק זיין עלטער פאַרשריבן.

ווערט מיר אַ שכנה מיד אָדער קראַנק —
זעצט זי זיך צו אַ קאַפּ אויף מיין באַנק.
גייט ווער פאַרביי מיט זעק צי מיט פעק,
לייגט ער עס גלייך אויפן באַנק דאָ אַוועק.

קום איך אַרויס און גיב זיי אַ האַנט,
עס נעמט נאָר אַ רגע, און מיר ווערן באַקאַנט.
מיר ריידן, און ריידן, די באַנק הערט זיך איין,
און אָטעמט אין זיך אונזער פריינטשאַפט אַריין.

ווינטער פאַרפּוצט אין אַ צודעק פון שניי.
איינער אַליין, שטייט זיך אַזוי.
ציילט טאָג נאָך טאָג, ביז פרילינג נעמט גרינען,
ביז עס פליען אָן פייגל מיט אַ שיינעם באַגינען.

ביז עס קומט צו אַ פּאָרל, אין אַ פרילנג ביינאַכט,
מ׳זינגט ליבע־לידער, מ׳שפּאַסט און מ׳לאַכט.
מיין באַנק ווערט אַזוי מיט אַלצדינג באַקאַנט
און בונטן מיט לידער דערלאַנגט מיר אין האַנט.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט

1. חברים:

אַ מתנה די חברים, וואָס גיבן אַרויס דעם בוך . . 5

מלחמה־לידער

2. כ׳בין אַ קינד פון מיין פאָלק 9

3. גוטליכטיג אייך, איר לאָמפּן! . . . . 10—11

4. צו אַ יתום 11

5. אַ כלה צו איר חופּה־קלייד 12

6. שטריקן ביזן העלן אין דער פרי . . . . . . 13—14

7. מיין שכנה די גאָלדענע סטאַר־מאַמע 14

8. מיין טאָג 15

9. פון פרעה׳ס רוט ביז היטלער׳ס בייטש 16

10. אַ געזעגן־ליד 17

11. בלוט . . . . 18—19

12. לעבן פענצטער . . . . 19—20

13. מיר האָבן אייער צער מיט אונזער בלוט פאַרבונדן . 21—22

14. געליבטע און מאַמעס און מיין בריוטרעגער טאָמאָס . 22—24

15. זי און ער פאַר וועלט און לאַנד . . . . 25—26

16. דער טאַטע מיטן זון . . . . 27—28

17. נעם מיך אַרום . . . . 29—30

זייט

18. אַ מעשה צו דערציילן אין פריידן . . . . 30—32

19. צו אַ דייטשער שכנה 33

20. מיין קאַץ און מיין הונט 34

21. ס׳פרייען זיך די מאַמעס 35

נאַטור־לידער

22. מיין קאַרשן־בוים . . . . 39—40

23. ביים ים . . . . 40—41

24. ביימער נאָך אַ רעגן . . . . 41—42

25. צום ים אַ ליד . . . . 42—43

26. אַ וויקטאָרי־גאָרטן . . . . 43—44

27. פייגעלעך אויף דראָטן 45

28. אַ בלום 46

29. האַרבסט־לידער (בלעטער, עפל, גאָרטן־געצייג) . . 47—48

30. שניי ביינאַכט 49

31. ווי שיין איז דער האַרבסט . . . . 49—50

32. אַ זומער פרימאָרגן . . . . 50—51

33. צו אַ שמעטערלינג . . . . 51—52

34. פרילינג אין טיפן וואַלד . . . . 52—53

35. דער האַרבסט איז 53

36. די פוסטע הויז 54

37. יונגהאַרבסט . . . . 55—57

סאָוועטישע לידער

		זייט
38.	אַ בריוו צו די פּיאָנערן אין ביראָ־בידזשאַן	61
39.	די סאָוועטישע פרוי	63—62
40.	דער סאָוועטישער ענטפער	64—63
41.	לידער און טראַקטאָרס	64
42.	די פּאַרטיזאַנקע	68—65

מאַמעס און קינדער

43.	מיין טאָכטער שולמית	71
44.	מיין טאָכטער יהודית	72
45.	צו מיין קינד רחל (לידער פאַר מוטער־טאָג)	73
46.	מיין זון	74
47.	אַ טרייסט איך, מאַמעס	76—74
48.	אייגן צער	77
49.	טאַטע־מאַמע טאַנצן	79—78
50.	צו אונזער יוגנט	79
51.	מיט אַ קינד	81—80
52.	מיין שפּיגל	82
53.	מיינע מתנות	83
54.	אין קיך	84—83

זייט

55. דעם תליונ'ס מאַמע . . . . 85—84
56. די יונגע נאַנע 86
57. לידער פון אַ מוטער אין טרויער 87
58. צו מיינע טרייסטער 88
59. זיצט אַ מאַמע און רעדט צו זיך 89
60. אַ שול־באַזאַר . . . . 91—90
61. אַ וויג־ליד פון יענער זייט ים . . . . 92—91
62. מרים בת שלום (באַלאַדע) . . . . 123—93

באַלאַדעס פון דער אַלטער היים

63. די באַלאַדע פון פסח . . . . 131—127
64. דער גענעראַל און דאָס אידישע סאָלדאַטל . . . 144—131
65. די סטרייקערינס און פייוויש ציגיינער . . . . . 154—145
66. דווינסק . . . . 168—154
67. איך הער מיין זיידן . . . . 170—168
68. אָט דאָס בין איך . . . . 176—171
69. צו מיינע לייענער . . . . 177—176
70. איינער פון מיין פאָלק 177
71. „ניי־לעבן" . . . . 179—178
72. איך און מיין געצעלט . . . . 181—180

אין באַוועגונג

זייט

73. כ׳האָב היינט דיין בריוו דערהאַלטן . . . . 185—186
74. מיר דערמאָנען דיין נאָמען, אָלגין 186
75. אַ ליד פאַר מוטער בלור . . . . 187—188
76. פון קראַנקן־בעט 188
77. אַ לייען־קרייז . . . . 189—193

אַלערליי

78. מיין ערשט ליד „טרייסט" . . . . 197—198
79. צו דיר מיין ליבער . . . . 198—199
80. איך לערן פון די פלאַנצן 200
81. נאָך דעם שניי 201
82. דער פרידלעכער ים 202
83. אין אַ ביבליאָטעק . . . . 203—204
84. די שלאַנג און דער עראָפּלאַן . . . . 204—206
85. אַ גלעזל טיי 207
86. היינט 208
87. מיין באַנק 209